פרץ הירשביין.

# די ערד.

א דראמא אין דריי אקטען.

Юрьевская Еврейская
библиотека имени
Д-ра Я. А. Эйгеса
№ 1036

ווארשא  פערלאג „פראגרעס”.  ניו־יארק

1911  תרע״א

Тип. Б. Туршъ Св. Георгія № 34 Варшава, 1911

געווידמעט ליוציען פרץ,

# פּערזאָנען

עוזר, אַ גוטבעזיצער.

פאַני }
מאַשע } זיינע קינדער.
נפתלי }

פיינעלע }
מאיר } אַ נאָהענטען גוטבעזיצערס קינדער.

אַננאַ.

סאַפיר.

הויז־מיידל.

# ערשטער אקט.

אנפאנג פריהלינג. ביי עזור'ן אוים'ן גוט. רעכטס זעהט זיך די פארערשטע זייט פון א גרויס הויז מיט א גאנעק אין מיטען. דער גאנעק איז ארומגעפלאכ-טען מיט ווילדע טרוקענע ווייַנטרויבען. פאר'ן שטוב איז צו דערקענען געווע-זענע בייטען. איינגעגראבענע בענקלאך. אין דעם הינטערגרונד זעהט זיך א צוים פון שטאכעטען און נעבען איהם וואקסען טאפאליען. אויף יענער זייט צוים זעהט זיך א ברייט פעלד, וועלכעס גרינט שוין. אין מיטען פעלד שלענגעלט זיך א וועג. פון ביידע זייטען וועג-ביימער. דער וועג ווערט פערפאלען נעבען א וואלד, וואס זעהט זיך פון וויטען. לינקס — א ווינקעל פון א שפייכלער. נע-בען שפייכלער א ברונען מיט א הויבען זשוראוועלוואסער צו בעקומען. ניט ווייט פון ברונען — א הוידאחקע אויף שטריקלעך צווישען צוויי סלופעס.

פאני (אויף די בארפוסע פיס שטעקשיך. צוגראבט מיט א רידעל פלייסיג די ערד פאר'ן שטוב. רופט):

מא-שע! מא-שע!

מאשע (הויכ'ן פענסטער). וואס ווילסטו?

פאני. וואס קלייבסטו זיך דארטען? קום, איך האב שוין באלד א האלבען גארטען צוגראבען. אננא וועט מיר ברענגען זאמען פון אהיגע בלומען, וואס זענען נאך קיין מאל ביי אונז ניט גע-וואקסען. הי געהסט?

מאשע (הויכ'ן פענסטער). איך געה באלד!

פאני. די ערד איז נאך פייך-ווייך געבליבען פון די פאר-יאהריגע בלומען. (גראבט). זעהסט, דער רידעל קריכט אליין אין דער ערד. א ריר מיט'ן פוס — און פארטיג!

מאשע (מיט א בלאסען פערחלמ'טען געזיכט. קומט פון שטוב. לייכט געקליידעט).

פאני. צו וואס האסטו אנגעטהאן אזא העלע בלוזע? וועסט דאך איהר פערשמירען.

מאשע. אננא וועט באלד קומען. ס'פאסט ניט. געה טרג זיך הי איך אן. ווי א דארפישע שיקסע זעהסטו אויס.

פאני. אננא קען מיר גאר ניט? אין גימנאזיום בין איך — וואס? זאל זי נאר קומען; בארפוס וועט זי ביי מיר געהן; שנעלער —

וואַרף אַראָב דײַן ווײַסע בלוזע. נעם אַ רידעל און קום העלף מיר גראָבען!

מאַשע. כ'וועל זיך אַ ביסעל איינקוקען ווי דו גראָבסט.

פֿאַני. פֿוילסט זיך?

מאַשע. מ'ווילט זיך קוקען גלאַט אין דער וועלט אַרײַן.

פֿאַני (גראָבענדיג). קוקען גלאַט אין דער וועלט אַרײַן איז אויך אַן אַרבייט; נאָר דו ווייסט דאָרט אַפּײַג וואָס זעהן. — די בישליעס האָסטו שוין געזעהן?

מאַשע. ווי זענען שוין דען פֿאַראַן?

פֿאַני. אָט האָסטו דיר! געהסט אום, קוקסט, גלאָצסט אין דער וועלט אַרײַן און האָסט נאָך די בישליעס ניט געזעהן. גיי, אויף דעם קוה־שטאַל וועסטו זיי זעהן.

מאַשע (וויל גיין).

פֿאַני. גיי ניט, גיי ניט! קענסט איהם נאָך דערזעהן שטעהענדיג. איך האָב איהם געזעהן פֿליהענדיג. ער איז אַזוי הויך געפֿלויגען! פֿריהער האָט ער זיך געדרייט אויף איין אָרט. און דער־נאָך — גלייך זיך אַראָבגעלאָזען צו אונז אויפֿ'ן זשעושינעץ.

מאַשע. איינער איז געווען? —

פֿאַני. נאָר איינער. די „זי", מסתמא, איז שפּעטער אָנגעקומען. ווייל נעכטען פֿאַרנאַכט האָב איך זיי שוין ביידען געזעהן פֿליהענדיג צום אָזיערע.

מאַשע. ווי גיך זיי האָבען זיך שוין דערוואוסט, וואו די אָזיערע איז!

פֿאַני. ביזט אַ נאַר; דאָס זענען דאָך די אייגענע וואָס זע־נען פֿאַראַיאָהרען בײַ אונז געבאָרען געוואָרען. זיי ליגט נאָך אין מויל דער טעם פֿון די פֿאַראַיאָהריגע זשאַבעס.

מאַשע. דאָס זענען די יונגע קלעפּערסטע?

פֿאַני. געוויס די יונגע. וועסט זעהן, בײַ זיי זענען נאָך די שנאָבלען שוואַרץ. די אַלטע פֿאַלען איבער'ן וועג אין ים אַרײַן און ווערען דערטרונקען. זיי ציהען זיך אויפֿ'ן ווינטער אין די וואַרימע לענדער. בעגעגענען זיי גרויסע ים'ן. מוזען זיי איבערפֿליהען... די יונגע פֿליהען איבער און די אַלטע פֿאַלען איינציגווייז אין ים אַרײַן.

מאַשע. און די קראַנקע?

פֿאַני. די קראַנקע פֿערפּיקען די געזונדע בושליעס פֿאַר'ן אַוועקפֿליהען. געדענקסט, מאיר האָט אַמאָל געבראַכט צו אונז אַ פֿאַר־פּיקטען בושעל; קוים וואָס ער האָט געזאָפּעט.

**מאַשע.** די האָבען ליעב נאָר געזונדע?

**פֿאַני.** געוויס. זיי האָבען ליעב געזונדע, יונגע... ניטאָ בײַ זיי קיין שפּיטעלער פֿאַר קראַנקע; ניטאָ בײַ זיי קיין הײַזער פֿאַר אַלטע; ניטאָ בײַ זיי קיין וועלדער פֿאַר סוכאָטניקעס ווי דאָ בײַ אונז — כּסדר יונג, פֿריש און געזונד... נו, נעהם זיך פֿאַר דער אַרבײַט — געשווינד!

**מאַשע.** כ'וועל זעהן הינטער'ן שטוב. אפֿשר ליגען דאָרט פֿאַראַן די פּישליעס.

**פֿאַני.** אַז מען זעהט צום ערשטען מאָל דעם פּישעל פֿליהענדיג האָט מען אַ פֿליהענדיג יאָהר: מען לעבט, מען שוועבט, מען איז פֿריילעך... און אַז מען זעהט איהם שטעהענדיג האָט מען אַ שטעהענדיג יאָהר... איז דעם גאַנצען יאָהר זויער אויפ'ן האַרצען. איז מען פֿערשלאָפֿען און עס ווילט זיך געגעצען... איז מען פֿערחלמ'ט פּונקט ווי די מײַן שוועסטער... (זי וואַרפֿט דעם רידעל און כאַפּט אַרום מאַשע'ן). קום צו מיר, פֿערשלאָפֿענע נשמה, חילסט דאָך פֿאָהרען אין גימנאַזיום. וואָס וועט פֿון דיר ווערען אין דער גרויסער שטאָט, אַז דאָ ביזטו אַזוי?..

**מאַשע.** דו פֿערשטעהסט גאָר ניט. אין דער גרויסער שטאָט, צווישען אַ פֿולע לעבעדיגע מענשען וועל איך אויך לעבעדיגער זײַן.

**פֿאַני.** און איך וועל דיר ניט לאָזען פֿאָהרען אין שטאָט אַרײַן. דאָ וועסטו פֿערבלײַבען (דערלאַנגט מאַשע'ן דעם רידעל). גראָב און איך וועל זעהן צו זיי פֿאָהרען שוין.

**מאַשע** (גראָבט לאַנגזאַם).

**פֿאַני.** שנעלער, שנעלער! איך וועל באַלד אַרויפֿקריכען אויפ'ן פּאַרקאַן, דעם גאַנצען געגענד וועל איך זעהן (קלעטערט אויפ'ן צוים). קום צו מיר מאַשע!

**מאַשע** (וואַרפֿט דעם רידעל און געהט צו פֿאַני'ן). וואָס זעהסטו דאָרט? (זי קריכט אויך אַרויף אויפ'ן צוים. זיי שטעהען ביידע אָנגעשפּאַרט אָן אַ בוים).

**פֿאַני.** אפֿילו די אָזערע זעהט מען דאָ שטעהענדיג.

**מאַשע.** וואו האָסטו דיר?

**פֿאַני.** קוק גלײַך — אָט—אָט—אָט! רעכטס פֿון וועג. דאָרט וואו דער הימעל לאָזט זיך אַראָב... זעהסט עס בלאַנקט הײַס?

**מאַשע.** איך זעה.

**פֿאַני.** די איז בעלויכטען פֿון דער זון און וואַסער שפּילען זיך אָב די ווײַסע פֿריהלינגס וואָלקען. (שרײַט). הו—האַ! הו—האַ! מאַשע! זעה, זעה! צוויי פּישליעס פֿליהען אָט—אָט נעבען

Juudi usu koguduse walitsus * Tartus *
הנהגת עדת ישראל

וואַלד. זיי פֿאַרנעמען זיך צום אויערע! גיכער, גיכער — זיי לאָזען
זיך אַראָב!

מאַשע (איבערראַשט). איך זעה... איך זעה... זיי לאָזען
זיך אַראָב... אָט האָט זיך שוין איינער אַראָבגעלאָזען... אָט
שטעהט ער שוין... אָט שטעהען זיי שוין ביידע...

פּאַני. אָבער פּאַרט פֿליהענדיגע געזעהן... איצטער וועלען
מיר ביידע אַראָבשפּרינגען — האָפּ! (שפּרינגט אַהינטער מיטשלעפּענ־
דיג מאַשע'ן).

עוזר (קומט אַרויס).

פּאַני (לויפט איהם אַנטקעגען). מיר האָבען געזעהן צוויי
פֿליהענדיגע בּישליעס!

עוזר (בּעקוקט די צוגראָבענע ערד). וועט זיין אַ מולדיג
יאָהר... וואָס בּעדאַרפט איהר זיך אַליין מאַטערען? איך וועל שי־
קען אַ פּאָר שקצים וועלען די עס איך מאַכען אין אַ פֿערטיל שעה.

מאַשע. טאַקי גוט!

פּאַני. און איך וועל אַליין צוגראָבען. באַלד וועט אַננאַ
קומען וועל איך איהר איינשפּאַנען אַביסעל זי זאָל מיר העלפֿען...
מיר טהוט באַנג וואָס איך בּין איהר ניט געפֿאָהרען אַנטקעגען.

עוזר. נפתלי איז דאָך געפֿאָהרען.

פּאַני. אָבער טאַליענקע — זעה ווי ער האָט זיך אַרויסגע־
דימען! קיינער האָט גאָר ניט געהערט ווי ער איז אויסגעשטאַנען.
וואוהין געהסטו פּאַפּאַ?

עוזר. איך מוז געהן אין פֿעלד אַריין. מען בּאַראַנעוועט
היינט דעם האָבער.

מאַשע. איך געה מיט דיר, פּאַפּאַ!

עוזר. ס'איז צו וויים פֿאַר דיר, מיין קינד.

מאַשע. איך געה. אַז אַננאַ וועט קומען וועסטו אונז, פּאַני,
אָנזאָגען — גוט?

עוזר. זיי אין שטיב. איך געה בּיזן ווינטמיל ביים אַנדערען
בּריקעל.

פּאַני. זעהר גוט, מאַשענקע. דאָרט נעבען בּריקעל, אין
גראָבען בּעדאַרף שוין זיין געלער לאָטאָטש — וועסטו אָנרייסען?
כ'וועל אָנשטעלען אויף אונזערע פֿענסטער...

עוזר. קום מיין קינד. ס'איז קיין צייט ניטאָ. (אָב לינקס).

מאַשע. גיב מיר דיין שירעם מיט, וועל איך האָבען אין
וואָס צו קלייבען... (זי נעהמט ביי פּאַני'ן דעם שירעם און טהוט
איהם אָן נאָכלויפֿענדיג עוזר'ן. פֿאַרשווינדעט).

פֿאַני (נעהמט זיך ווידער פֿאַר'ן גראָבען. זינגט):
דער פֿריה–לינג געהט!
און ער פֿער–שפּרייט
זײַן ליכט און צוי–בער
אויף אַ–לע ווע–גען —
ער שוועבט אין לופֿט
ער ווינקט און הופּט
מיט טויזענד אוי–גען
און טוי–זענד קלאַ–נג

פֿייגעלע (באַווײַזט זיך אויף יענער זײַט צוים. הופּט):
קי–קו! קו–קו!

פֿאַני (קוקט פֿון וועלכער זײַט ס'הופּט. מערקט פֿייגעלען).
האַ–האַ! דו ביזט עס? דיך באַדאַרף איך טאַקי האָבען.

פֿייגעלע (קריכט איבער'ן צוים). כ'האָב איצטער נאָר וואָס געהערט די קוקופֿקע הינטען אין וואַלד.

פֿאַני. שוין אַזוי פֿריה?

פֿייגעלע. כ'האָב זי אַליין געזעהן. זי איז געשפּרונגען פֿון בוים צו בוים — געשפּילט אין באַהעלטעניש מיט די וואָראָביי־טשיקעס. וואָס טהוט איהר עס פֿאַני?.. איך בין געקומען פֿרעגען אויב איהר וועט פֿערדינגען אײַער סאַלקע פֿאַר אַ „זומער־פֿויגעל“. אין שטאָט, זאָגט מען, זענען שוין פֿאַראַן אַפֿילו סיכאַטניקעס.

פֿאַני (ערנסט). אין וואַלד איז ער שוין געקומען. ס'קלײַבען זיך שוין אַהער די פֿיגורות... שוין אָנגעהויבען צו אונז אויך צו טרעפֿען... און דו, פֿייגעלע, ווייזט זיי דעם וועג...

פֿייגעלע. ער איז געקומען צו אונז פֿרעגען. בײַ אונז איז קיין אָרט ניטאָ.

פֿאַני. ווילסטו איהם דעריבער ברענגען אַהער צו פֿיהרען.

מאיר (קומט אָן פֿון נעבען בהינען).

פֿאַני (מערקט איהם). אָט איז מאיר! כ'האָב זיך ניט געריכט דיך צו זעהן הײַנט. פֿון וואַנען געהסטו?

מאיר. איך אַקער הײַנט ניט ווײַט פֿון אײַערע פֿעלדער.

פֿייגעלע. פֿאַני זאָגט, אַז זיי ווילען זייער סאַלקע ניט פֿערדינגען.

פֿאַני. מאיר, וואָס פֿאַר אַ בחור דערציילט זי עפּעס?

מאיר. ער איז הײַנט צו אונז געקומען גלײַך פֿון באַהן. מען האָט איהם געזאָגט, אַז בײַ אונז וועט ער אַ דירה געפֿינען.

פאני. מיר, מאיר... אין די ביז איך געקומען צו אונז פרעגען... ווייסטו דען ניט וויפיל מיר קרענקט וואס זיי געפינען זיך אין אונזער געגענד... אין די קלערסט, אז כ'וועל זיי אין אינזער שטוב אריינלאזען... (קלערט א ווײַלע). מסתמא ליגט אידם שוין דער טויט אויפ'ן שפיץ נאז, אז ער האט זיך אזוי פריה ארויפגעלאזען אין וואלד אריין.

פײַגעלע. (ציהט זיך אויס). א הויכער... א לאנגער... א שווארצער... א דארער...

פאני. פון יאהר צו יאהר וואקסט צו א שטיק בית עולם אונטער'ן שטאט. אין גיכען וועט זיך דער בית עולם ביז'ן וואלד פערציהען... דעם וואלד האבען זיי פערפלעכטעט. יעדען בוים פערשאלטען, דעם גאנצען געגענד פערפינסטערט. (פלוצלונג). הערכט, מאיר! איהר זאלט צו זיך קיינעם ניט אריינלאזען. כ'וויל ניט, אז ביי אייך זאלען זיין געסט פון יענער וועלט. איך וועל צו אייך קיין מאל ניט קומען. קיין מאל ניט! כ'וועל אויסמײַדען אייער שטוב. זעה מאיר (זי נעהמט זיין האנד) ווי יונג און שען דער וואלד זעהט איצטער אויס! מיט גאנצע בינט ליכט איז ער בעדעקט... יעדען פריהלינג ערוואכט ער, רײַסט זיך צום לעבען... און באלד וועלען זיך אראבלאזען אהער די פגירות, וועלען זיך פערקלײַבען אין וואלד — און קראהען שווארצע וועלען אנהייבען אהום וואלד ארומצוקריכען... הייסט, מאיר, ווי כ'האב א נאמען געגעבען דעם וועג, וואס פיהרט פון שטאט צום וואלד? „דער מתים וועג".

פײַגעלע. הא—הא—הא—דער מתים וועג! כ'וועל מיר גאר הוידען אביסעל (הוידעט זיך).

מאיר. רעד עס ניט, פאני — אלע מענשען ווילען לעבען.

פאני. אלע מענשען ווילען לעבען. ס'איז שוין אבער לאנג צײַט, אז מען זאל ווילען דעם גרעניץ צווישען לעבען און טויט. אין אונזער געגענד, וויל איך, אז נאר דאס לעבען אליין זאל הערשען — לעבען, לעבען — און לעבען! ס'טריקענט א צווייג. ברעכט איהם דער ווינד אויס... די אליין מאיר האסט אין דיין גארטען ארומגעשניטען די טריקענע צווייגען פון די עפּעל-בוימער — זעהסט גאר אנ'אנדער פנים האט דער גאנצער גארטען בעקומען. נארישע מענשען! קליגער פון דער נאטור ווילען זיי זיין.

פײַגעלע. הערט! הערט! די קוקופקע! (ס'הערט זיך פון ווײַטען דאס רופען פון קוקוק. אווײַלע הערען זיי זיך אלע איין).

מאיר (שטיל). זאג מיר פאני, פאר וואס האסטו אויסגעשריגען דיין פריינדין?... די ביזט נעכטען צום וועג איך ניט ארויסגע-

קומען. איך בין אַליין ביז האַלבע נאַכט אַליין אומגעגאַנגען מיט'ן וועג פון וואַלד ביז צו דער קרומער ווערבע... זאָג, פאַני.—

פאַני. צוליב דעם ביזטו געקומען? (קוקט איהם אָן, שמייכעלט).

מאיר. צוליב דעם.

פאַני. שעם זיך אויב צוליב דעם ביזטו געקומען. זי איז מיין בעסטע פריינדין פון גימנאַזיום. ס'האָט זיך מיר פערבענקט נאָך איהר. די אַליין האָט מיר אויך געשריבען, אַז זי וויל אַהער קומען.

מאיר (נעהמט איהר פאַר'ן האַנד). איך מוז שוין באַלד אַוועקגעהן. איך האָב געלאָזען די אָקסען מיט דער סאָכע אין פעלד אַליין... פאַני, היינט ביי נאַכט וועסטו קומען — יאָ? פאַני... איך בין אַליין אויף יענער זייט וואַלד. ס'דוכט זיך מיר אויס, אַז די ביזט אַזוי וויים פון מיר.

פאַני. דער וואַלד שטעהט צווישען אונז... (לעגט איהר האַנד אויף זיין אַקסעל. קוקט איהם גלייך אין די אויגען) אין דיינע אויגען, מאיר, שפּיגעלט זיך אָב דער גאַנצער פריהלינג: זיינע הימלען, די בעגרינטע פעלדער... די געדענקסט אַמאָל מאיר צום אויערע בעגינען ווען די זון געהט אויף? טוי-פייכטע שטראַלען שפּיגלען זיך אין דיינע אויגען... שטראַלען, וואָס באָדען זיך אין פרישען וואַסער. געה, מאיר, אַקער די ערד, אַקער צוזאַמען מיט די אָקסען און איך וועל מיר מיט מיינע הענד די פריהלינגס ערד צוגראָבען... ס'וועט דאָ בלומען פערדיהען.

פיינעלע (הוידעט זיך). מאיר! די אָקסען וועלען זיך אַוועקשלעפּען צום וואַלד!

מאיר. יענעם מאָרג ערד, וואָס קומט אוים נעבען דער קרומער ווערבע, האָב איך נעכטען אַליין געזייהט.

פאַני. וועסט זעהן ווי געראָטען ס'וועט זיין. איבער'ן קאָפּ די הויך וועלען די תבואות אויסוואַקסען! און איך וועל קומען שניידען. איך אַליין, גוט? (אונטער'ן שטוב קלינגט). אַהאַ! זיי פאָהרען שוין! הערסט, מאיר, דאָס איז אונזער גלאָק — פרעהליך קלינגט ער געקסט פאָהרען! גאָר מיט אַנאַנדער וועג פאָהרען זיי. זיי זענען מיט'ן גרעבליע געקומען... די גרעבליע איז שוין אויך טרוקען!..

מאיר. איך מוז אַוועקגעהן — פאַני, ביי נאַכט, יאָ? (אײַלט לינקס).

פאַני (שרייט נאָך מאיר'ן). ביי נאַכט, מאיר, וועסטו צו אונז קומען — פיינעלע, בלייב דאָ. (זי שטעלט זיך אויף דעם צוים. קוקט אונטערהילדיג אַריבער).

פיינעלע. די פערד האָבען זיך צואָגט!

פאני. די פערד האבען זיך צוטראגען!.. זיי יאגען זיך גלייך צום וושעושיניץ!.. ער קען זיי ניט איינהאלטען... גלייך צום וושעושיניץ... שוין... זיי האבען זיך אפגעשטעלט (שפרינגט אהינטער). קום פייגעלע, לאמיר די לויפען אנטקעגען (זיי פערשווינדען ביידע נעבען שפייכלער לינקס. א ווײַלע בלייבט די סצענע ליידיג. דאס גלעקעל קלינגט גאר נאהענט הינטער'ן שטוב. ס'הילכט א געלעכטער. פאני'ס קול: „האלט פעסט די לייטשעס!“.. שטיל. אויף יענעם זייט צום בעווייזען זיך פאני, נפתלי, אננא אין פייגעלע — געהן נאך דער ריכטונג צום שפייכלער. און קומען ארויס נעבען בהינען.)

אננא (א שאטענקע. מיטעלער וואוקס. דאס ג... מיעד אין בלאס.) אם — ענגע בין איך ביי דיר פאני.

פאני (כאפט אננען פאר'ן האנד). האסט זיך גוט דערשראקען? ביזט נאך קיין מאל ניט געפארען ווען די פערד צוטראגען זיך, — און איך — נאר אזוי האב איך ליעב צו פאהרען. דער וואגען קרעכצט—די רעדער ברעכען זיך אוש—און איך זיץ אויבען און שמייס די פערד! (בעווייזט אננען די צוגראבענע ערד) זעהסט, דאס האב איך פאר היינטיגען פריהמארגען צוגראבען. דא וועל איך פארזעהען דיינע בלומען וואס דו האסט מיר געבראכט... קוקסט מיר אן, אננא? ניט די זעלבע פאני, הא? טאקי ניט די זעלביגע: אין גימנאזיום האב איך געוועלקט. און דא—דא וועסטו אויך אנאנדערע מענש ווערען; קום אין שטוב, וועסטו זיך אביסעל אפרוהען.

אננא (קוקט זיך ארום).

מיר הילכט, אז דאס לעבען קערט זיך צו מיר אום אדער עס קומט איצט צו מיר צום ערשטען מאל. (זיי געהן ביידע אין שטוב. נפתלי און פייגעלע בלייבען).

דער קוטשער. (טראגט איינע פעקלעך זאכען אין שטוב אריין און געדט גלייך צוריק).

פייגעלע (צו נפתלקען).

קענסט טאקי ניט פאהרען, שעם זיך! ביי מיר וואלטען שוין די פערד איינגעשטאנען.

נפתלי. באשר דער פארשלאפענער קוטשער. ביי מיר — איך האלט פארדרייט די לייצעס אויף די הענד און ביז'ן קארך די פערד זייערע קעפ פארריסען! די פערד האבען זיך דערשראקען. אויפ'ן בריקעל האט זיך איינגעבראכען א ברעט. ס'האט א גרויסען קנאק געגעבען... אך האבען זיי זיך געטראגען — — — בערגענים! מיט די פעלדער גלייך צום וושעושיניין זענען זיי געפלויגען!

פייגעלע (לאַכט). זי האָט זיך גענומט דערשרעקען?

נפתלי. זי האָט זיך אָנגעהאַלטען פאַר'ן קוטשער און דער האָגען — ברעזודעס! ברעזודענו!... אז איך בין היינט איינגעשטאַנען איז נאָך קיינער אויף די פעלדער ניט געזעהען... נאָר וואָס די זון איז אויפגעגאַנגען.

פייגעלע (פערקלערט). זי וועט דאָ לאַנג בלייבען אונזער ביי אייך?

נפתלי. דעם גאַנצען זומער. דער פּאַפּאַ וויל אז זי זאָל מיר לערנען. כ'וועל שוין אַמאָלע מיט נאָך אָגלערנען. ס'וועט שוין זיין פאַר מאַשען'ן אַנעסק.

פייגעלע (אומעדיג). פאַר וואָס האָסטו מיר ניט געזאָגט אז דו באַדאַרפסט היינט צום באַן? האָסט ניט געקענט פאַרפאָהרען צו אונז און מיר אויך נעהמען?

נפתלי. האָסט דען געוואוסט אז כ'פאָהר?

פייגעלע. זעהסטו אז איך האָב געוואוסט אז זי קומט צו פאָהרען.

נפתלי (גראַבט). ביזט אַנאַר. דאָס איז זי געקומען צו פאַני'ן. זי איז איהרע אַ חברטע. אָהן עלטערען איז זי.

פייגעלע. אָהן טאַטע מאַמע?

נפתלי (שלײַדערט פלוצלונג דעם רידעל). הערע! וואָלסט דען אויף פריה וועלען פאָהרען צום באַן? כ'וואָלט נאָך געקענט פערשפּעטיגען. קום אויף אונזערע פעלדער מיר וועלען אויפזוכען מאַשען.

פייגעלע (אומעדיג). כ'האָב היינט געזעהען צום ערשטען מאָל דעם בושעל שטעהענדיג. ער איז געשטאַנען אויף איין פוס.

נפתלי. דו האָסט געוואָלט דוקא, אז איך זאָל דיר נעהמען צום באַן (רעדט שטילער) כ'האָב זיך געשעמט פאַר דיין טאַטען. פלוצלונג צופאָהרען מיט די פערד! דער קוטשער וואָלט אויך ניט וועלען, מען דאַרף די פערד האָבען. (כאַפּט איהר פאַר'ן האַנד) קום, פייגעלע! לאָמיר זעהען ווער וועט גיכער אַריבערשפּרינגען דעם פאַרקאַן! (ער לויפט זיך פערנאַנדער און מיט איין שפּרונג איז ער אויף יענער זייט צוים).

פייגעלע (גייט צום צוים און בלייבט שטעהן אומעדיג און שטיל).

נפתלי. נו, שפּרינג אַריבער!

פייגעלע. איך קען ניט שפּרינגען

נפתלי. קום איך וועל דיך אַריבערנעהמען

פייגעלע (שווייגט).

נפֿתלי (קריכט אַריבער צוריק).

פֿייגעלע. ביזט ברוגז? — זאָג! מיר װעלען הײנט בײדע פֿאָהרען רײטענדיג אויף אונזערע קאָשטענעװאַטע פֿערד... גוט?.. פֿאַרבײ אײער שטוב װעלען מיר פֿאָהרען פֿאַרנאַכט...

פֿייגעלע. פֿאַרבײ אונזער שטוב — נעבען אונזערע פֿענסטער אַז אַלע זאָלען זעהן?

נפֿתלי. אַז אַלע זאָלען זעהן!

פֿייגעלע. און דאַנאָך נעבען אײערע פֿענסטער אויך?

נפֿתלי. נעבען אונזערע פֿענסטער אויך!

פֿייגעלע. אַז אַלע זאָלען זעהן?

נפֿתלי. אַז אַלע זאָלען זעהן!

פֿייגעלע (מונטער). איצטער יאָג מיר — אַ פֿײג װעסטו מיך כאַפּען! (שפּרינגט אַריבער דעם בוים פֿלינק װי אַ קאַטץ און װערט פֿערשװאונדען).

נפֿתלי (שרײט איהר נאָך) פֿון מיר װעסטו ניט אַנטלױפֿען! (ער פֿערשװינדט נאָך איהר).

(פֿאַני געהט אַרױס פֿון שטוב. נאָך איהר אַננאַ).

פֿאַני. די ביכער זאָגסטו האָבען דיר דערעסען... װען די װאָלסט די קײן מאָל ניט ליב האָבען װאָלטען זײ דיר קײן מאָל ניט דערעסען. איך האָב זײ קײן מאָהל ניט ליעב געהאַט, געדענקסט דאָך מיר פֿון גימנאַזיום. (שװײגט אַ װײלע) געדענקסט אַננאַ, װי מיר האָבען זיך געטרײט צום לעצטען עקזאַמען? די נעכט מיט די שװאַרצע קאַפֿע?

אַננאַ. בײ מיר איז עס געװען די בעסטע צײט, פֿאַני. די בעסטע צײט פֿאַר מײן גאַנצען לעבען. אין האַרצען איז נאָך אַביסעל געבליבען געװען. ס'איז נאָך אַ פֿונק האָפֿנונג פֿאַראַיסגעװען. קײן בעסערע צײטען קומען ניט און יענע קערען זיך צוריק ניט אום... דאָס האָפֿען הערט נמאס — װאָס איז דאָס האָפֿען בעת דו שפּירסט אַז אונטער דײנע פֿיס איז קײן באָדען ניטאָ. (זי זעצט זיך אויף אַ בענקעל קוקט זיך אַרום).

פֿאַני. האַגה ניט! דאָ, בײ אונז װעסטו דערשפּירען אַ באָדען אונטער דײנע פֿיס. װעסט פֿערגעסען דײנע ביכער מיט די הומהײטען. (קלאַפּט מיט'ן פֿוס אָן דער ערד) אָט איז מײן באָדען!... די אַמאָליגע מענשען, װעלכע זענען געשטאַנען פֿעסט אויף דער ערד האָבען קײן מאָל ניט געװאוסט פֿון הענגען אין לופֿטען. אַננאַ! איך בעדאַרף גאָר ניט. הערסט? גאָר ניט! כ'האָב געלערענט אין גימנאַזיום — דער פּאַפּאַ האָט עס געװאָלט: ער האָט געמײנט אַז ס'װעט זײן אַ מעלה צו אַ שידוך... איך בעדאַרף עס ניט. מײן חתן װעט קײן

דיפּלאָם פון איסמעטריקענטע לעהרער ביי מיר ניט פאָדערען. איך פאַר זיך אַליין — דאַרף קיין דיפּלאָמען ניט האָבען... וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרקלערט? דיינע ביכער מיט די קליינע אותיותלאַך וועלען דעם מענשען פון זינען אַראָבפיהרען, ווייל פון זיי האָבען זיי איהם שוין לאַנג אַראָבגעפיהרט. דערפאַר וואָס איך האָב געוואָלט געזונד און מונטער זיין האָבען מיר מיינע לעהרער מיט „צווייעלעך“ געשדאָקען. — געדענקסט מיינע צווייען?

אַננאַ (נעהמט אַרום פאַני'ן). מיין ווילד מיידעלע! פאַר וואָס בין איך אַזוי צוגעבונדען צו דיר? מיר זענען דאָך אַזוי ניט קיין פּאָר. געדענקסט, ווי דו פלעגסט זיך שטענדיג דרלען — און דאָך... דעם טאָג, וואָס איך האָב ערהאַלטען דיין בריעף, אַז איך זאָל קומען, איז פאַר מיר געווען אַ יום טוב. און דיר איז עפּיס פאַרבאָרגענעס פאַראַן צו וועלכעס עס ציהט מיך און וועלכעס איך גליב. (שמייכעלט). איך בין סענטימענטאַל געוואָרען: ווירקליך ביפּלעג זיך גאַנץ אָפט און חלום זעהן. איך פלעג טרוימען, אַז מיר ביידע געהן אום איבער די פעלדער — מיר ביידע און מעהר קיינער ניט... אָבער ניט די פעלדער האָב איך געזעהן. דער געגענד דאָ איז נאָך פיעל שענער, ווי איך האָב מיר איהם פאָרגעשטעלט. (קוקט זיך אַרום). אפשר איז נאָך פאַראַן אין לעבען עפּיס וואַרימעס און איך האָב עס ווירקליך ניט געמערקט...

פאַני. האַ—האַ—האַ! „וואַרימעס אין לעבען“, „לעבליכעס אין לעבען“. וואו איז עס דיין לעבען — דאָרט, אין שטאָט? זינען, ברענענדיגע, ליכטיגע זינען, שווימען אום אין לופטען און בעלויכטען אַלע וועגען (בעווייזט צום וואַלד). אפשר דאָרט מיינסטו איז פאַראַן לעבען?

אַננאַ. דאָרט אין וואַלד? קומען נאָך איצטער אויך אַהער שווינדזיכטיגע יעדען זומער?

פאַני. יאָ. איצט איז נאָך דאָרט אויך פאַראַן לעבען. ס'איז נאָך אָנפאַנג פריהלינג... דאָרט אין וואַלד, וואו ס'קלייבען זיך צוזאַמען די שאָטען פון לעבען יעדען זומער, וואו עס הערט זיך דאָס קאַלטע שעפּטשען פון שטענדיגען „וויי“ — איך געה ניט אין יענעם וואַלד. (בעווייזט מיט'ן האַנד אויף הינטער'ן שטוב). דאָרט וואַקסט אַ יונגער וועלדעל, אַהין געה איך. פאַר מיר איז עס גענוג. פאַר מיר זענען די פרייע וועלדער אויך גענוג.

אַננאַ.. ווי שען ער ווערט איצט אוים, דער וואַלד, פון ווייטען! ווי אין בלאָהען פאַרב אויסגעטונקט.

פאַני. דער פריהלינג האָט אָטעמים זייער פלינגעל פאַרש

שפּרײַט... אַמעדום איז בעלױכטען, אַלץ לאַכט... נײן, יענעם װאַלד האָט ער אױסגעמיטען. די ערד איז ערבאַרעמדיג אין דער װאַלד גריגט אױך... ער גריגט אָבער נאָר לפּנים װעגען...

אַננאַ. אָבער צװישען אַזױנע קראַנקע געפֿונען זיך די אינ־טערעסאַנטעסטע מענשען. אַ מענש, װען ער קלערט שױן אימער װעגען טױט, װערט ער רײנער. די נשמה, זײנע טיעפֿער און שטי־לער.

פֿאַני. כ'װעל עס דיר אַרױסשלאָגען פֿון קאָפּ (הוסט). מאַ־חסיאַ! מאַת—סיאַ! (אױפֿ'ן גאַנעק בעװײזט זיך דאָס הױז־מײדיל). טראָג אַרױס אַהער אַ גלאָז מילך און אױפֿ'ן טיש ליגען פּעקעלאַך קלײנע — ברענג עס אױך אַרױס! (דאָס הױז־מײדיל אָב). איצטער װעל איך דאָ מאַכען בײטען אין די זיך אין קיך. כ'װעל דאָ דײנע בלומען פֿערזײהען. דײן „מתּנה" פֿון שטאָט. בײ מיר װעלען זײ גאָר אַנאַנדער פּנים האָבען... באַלד װעט מײן ליבלינג קומען, מײן מאַשעלע. זי װעט דיר געפֿעלען זײן. זי איז אַזאַ פֿער־חלומ'טע נשמה, װי דו. באַלד װעט דער פּאַפּאַ מײנער קומען; ער איז אין פֿעלד, זעהר פֿערנומען.

אַננאַ. מיר װעלען פֿונדעסטװעגען געהן שפּאַצירען אין װאַלד. ער איז מיר שױן אינטערעסאַנט געװאָרען. דו האָסט מיר פֿיעל מאָל דערצײלט װעגען איהם.

פֿאַני. איך װעל דיר בעװײזען שענערע ערטער. ניט װײט פֿון אונז איז פֿאַראַן די אָזערע... דער אײנציגער אָרט, װאו זײער פֿוס קומט ניט, איז די אָזערע. דאָקטױרים, װי עס װײזט אױס, האָבען די אָנגעזאָגט, אַז פֿון פֿײכטקײט זאָלען זײ זיך היטען. דאָס װאַסער איז דאָרטען — קלאָר — קריסטאַל! דער אײנציגער אָרט, װאו מ'האָבען זיך נאָך ניט געהערט די גסיסה־קרעכצען איז די אָזערע.

הױז־מײדיל (טראָגט אַרױס אַ גלאָז מילך און אײניגע פּעקעלאַך, אין פּאַפּיר געװיקעלט).

אַננאַ (נעהמט די מילך). איך קוק מיר אַרום, װי ס'איז דאָ פֿריש און איבעראַל גריגט שױן (הױז־מײדיל געהט צוריק אין שטוב).

פֿאַני (אױפֿבינדענדיג די פּעקעלאַך). דער פֿריהלינג אַרבײט שנעלער, װי דעם מענשענס פֿאַנטאַזיע. אפילו שנעלער פֿאַר דער פֿאַנטאַזיע פֿון אונזער מאַטעמאַטיק. — געדענקסט איהם נאָך? יעדען אױגענבליק װעסטו װאָס נײעס אַרום זיך מערקען: דאָ איז, הלכם זיך, גאָר אױף אַ סחורקעגע צװײג אַ קנאָספּע אַרױסגעשפּראָנגען... דאָרטען, אױף אַ פּעך־שװאַרצע שטיק ערד האָבען זיך פֿלױצלינג מיל־

יאמען גרעטעלאך מיט דייערע קעפּעלאך אריינגעשלייכט... (מיט פרייד). „לעכטענצענער" האסטו מיר געבראכט!

אננא. חכּט זיך אז יא. (קוקט צו פאני'ס פערעסקט פּנים).

פאני. ביז זיי וועלען אויסוואקסען, וועט שוין זיין מיט זיי אונזערע פעלדער בעדעקט. זיי וואקסען ביי אונז אויך, אבער קליי־נינקע, גאר הילדעניקע. (קלייבט זיך צושען די וואמען). „שטיפמוטערלעך!"... ביי אונז אין קלענווער זעמען זיי פול—אבער אויך גאר קליינינקע—מיט גאנץ קליינע אננא'ס אויגעלאך... „פערגעס־מיר־ניט"! דאס איך געבראכט... וואלסטו זעהן דארט אהים אונזערע הימעל־בלאה וועלדער פון זיי דער גאנצער געגענד. ווי א זוים וואקסען זיי אין פעריבערען דעם ברעג מיליאנען ווייז... „מארגאריטען" אויך ביי אונז אויף די פעלדער פאראן, נאר אויך גאר קליינינקע, גאר הילדעניקע... אלץ וועלען מיר פערזייהען. אלץ וועט נאך הויך אינטעד אונזער פענסטער וואקסען... (שטארק פערעסקט מיט די וואמען). „ניעלקען"! מסתמא זענען דא פון אלע פארבען פאראן—ווייסט ניט, אננא? איך ליעב, ווען בונט־רויטע און שניי־ווייסע ניעלקען וואקסען צוזאמען—שפעט, אבער שפעט וועלען זיי אויפ־בליהען—„אסטרא און געארגינא"! די גראפּאַרטיג עס קלינגט!.. אבער שוין נאר שפעט, נאכ'ן ווינטער וועלען זיי ביי מיר בליהען... „הינעטרויען"! דאס האסטו מיר אויך געבראכט?.. אפילו הינעט־רויען האט די ניט פערגעסען מיר צו ברענגען... אבער גאר אומ־זיסט. (פודערט אננע'ן צום בודנען און בעווייזט זיהר אויף יענעם זייט צוים). דארט האב איך אפשר א מארג ערד מיט הינעטרויען פערזייהט. דער פּאפּא איז געווען ברוגז... וועסטו זעהן, ווי זיי וועלען אויסוואקסען. (געהען צוריק). וועסטו זעהן, ווי הויך און שטאלץ זיי שטעהען אויס. איבערהויפּט ווען זיי וואקסען אויף א גרויסען בּרייטען פּלאץ—די הינען, גרויסע און קליינע, זעהען זיי אויס.

אננא (ארעמט פעסט פאני'ן). אך פאני! ס'הויבט אן וואס כּיילסטיגעס צו וואקסען אין מיין הארצען הערענדיג דיינע ווערטער און קוקענדיג אויף דיין אויסזעהן. שטארקעס וואקסט... נאר איך ווייס נאך דערווייל ניט וואס... פיללייכט וואקסט עס אין מיר אויס נאך שטארקער דער דאס צום לעבען, שפּורענדיג אז איך וועל פאלען אין שווערען שטרייט...

פאני. אננא! וואס פאר א שטרייט? הא? די ווילסט זיך שוין מיט מיר קריגען? וואס פאר א שטרייט מיט'ן לעבען? מיט'ן לעבען דארף מען ניט מלחמה האלטען... דאס לעבען איז א טרייע מוטער מיט א היים צאפּעלדיגע ברוסט... אננא, די ערד, אננא.

דאָס איז די מילדע ברוסט פֿון לעבען! אַלע מענשען געפֿינען זיך אויפ'ן ברוסט פֿון לעבען, וואו עס געפֿינט זיך נעטיג חיונה, נעמט פֿייער פֿאַר אַלעמען. אַננאַ! (דריקט איהר צו זיך). איך וועל דיר דיינע נאַרישקייטען פֿון קאָפּ אַרויסשלאָגען. אָט נעהם אַ רידעל און גראָב אַביסעל די ערד... גראָב, וועסט זעהן, וואָס פֿאַר אַ בלומען ס'וועלען אויף דעם אָרט אויסוואַקסען... פֿאַרנאַכט וועט קומען מאיר. מיר וועלען געהן צום אָזערע. פֿאַרנאַכט איז זי וואונדערליך שעהן. היינט מסתמא וועט דאָס גאַנצע וואַסער בלאָה זיין.

אַננאַ (גראָבט, אָבער ניט געלונגען).

פֿאַני. טיפֿער גראָב, טיפֿער! שטאַרקער שטעל דיין פֿוס אויפ'ן רידעל! איך וועל דיר נאָך אויסלערנען רייטען. אויף אונזערע קאָשטאַנעוואַטע פֿערד וועסט נאָך ביי מיר פֿאָהרען... ווי אַ ווילדער וועסטו זיך דורכטראָגען פֿאַרביי דעם וואַלד און הינטער זיך וואַרפֿען צו איהם אַניאָליג שמייכלענדיג... איצטער ביזטו ביי מיר!

אַננאַ. ווער איז עס דער מאיר?

פֿאַני. אַ קינד פֿון דער נאַטור און איך האָב איהם ליעב. טיפֿער, טיפֿער גראָב! (נעהמט ביי אַננע'ן דעם רידעל). זעץ זיך דיר אויפ'ן באַנק און קוק זיך איין, ווי איך טוה. איך וועל דיר נאָך אָנהויבען שטעלען „צורייעלאַך". אין גימנאַזיום האָבטו „טונקען" בעקומען, איצט וועה, אַז ביי מיר זאָלסטו אַ טונף בעקומען. (זי גראָבט. דער רידעל קריכט טיף אין דער ערד). זעהסט, ווי דער רידעל פֿאַלט זיך ביי מיר — די ערד אַליין לאָזט — זי מערקסט ניט, ווי די ערד אַליין לאָזט און קלייבט נחת?..

אַננאַ. כ'וועל עס אָפֿטער נאָך מיט דער צייט אָנהויבען צו מערקען... דערווייל, שוועסטערשי, וואָלט זיך מיר וועלען...

פֿאַני (גראָבענדיג). וואָס וואָלסטו וועלען — דאָ? גאָר ניט וועסטו ביי מיר וועלען. (גראָבט מיט חשק). ווייט, אונטער'ן שטיב, אויף אונזערע פֿעלדער וועלען מיר זאַמען טראָגען טרוקענע צווייַגען... און מיר וועלען אָנלעגען אַ גרויסען, גרויסען פֿייער... און דיינע ביכעלאַך... און דיינע נאַרישקייטען וועלען מיר אויפ'ן פֿייער לייגען... פֿערברענען, ווי דער פּאַפּאַ פֿערברענט יעדען יאָהר פֿאַר פּסח דעם חמץ פֿון שטוב אַרויס... קוק זיך איין, ווי די ערד... שמייכעלט פֿון פֿאַרטעגעניגען... פֿרישע בלומען וועלען מיר זייהען... פֿרישע בלומען וועלען אויסוואַקסען... (זי האָדט לאַנגזאַם, ווי צו דער ערד, גראָבענדיג אַליין מיט מעהר חשק). פֿרישע זאַמען, נייע זאַמען האָט מען מיר געבראַכט... פֿרישע זאַמען וועל איך דיר

הײַנטיגס מאָהל פֿאַרדריהען. נײַע בלומען װעלען אױף דיר הײַנטיגעס מאָל װאַקסען... (גראָבט נאָך פֿלײַסיגער.

אננא (זיצט פֿאַרטאַפט. קוקט צו פֿאַניס אַרבײַט).

פֿאַני (גראָבט, רעדענדיג צו זיך אַלײן). פֿרישע בלומען... נײַע בלומען...

(לאַנגזאַם פֿאַלט דער פֿאָרהאַנג)

# צווייטער אקט.

ביי עלטערן אין שטוב. א גרויסער צימער אויסגעקליבען אויפסאך, רעכטס צוויי טהירען אין צוויי צימערען אריין. לינקס פענסטער און א טהיר, אויף דער פעראנדע ארויס. אין דעם הינטערגרונד א טהיר אויפ'ן סאלקע. די פענסטער און טהיר זענען אפען. דורך זיי זעהט זיך דאס פעלד, ביימער. פארנאכט.

אננא (ליגט אויף א זאפא נעבען פענסטער אהן באוועגונג.

מאשע (קומט אריין. לייכט געקליידעט. מיט א טוך אין דער האנד. מערקענדיג אננען, געהט זי צו צו איהר אויף די שפיץ פינגער און שטעהט א ווייַלע נעבען איהר געלעגער. זי לאזט זיך שטיל אראב אויף די קניה און קוסט אננען אויפ'ן שטערען).

אננא (דריקט צו זיך מאשע'ן). האסט געמיינט, מאשעלע, אז איך שלאף?

מאשע. כ'האב געמיינט, אז איהר שלאפט, ווייל איך האב געהערט, ווי איהר האט גערעדט א גאנצע נאכט מיט פאני'ן.

אננא. ווי אזוי האסטו עס געהערט?

מאשע. ס'הערט זיך אין צימער, אז מען רעדט אויבען.

אננא. וואס האסטו געהערט?

מאשע. כ'ווייס נור, אז אפשר ביז גרויסען טאג האט איהר ניט געשלאפען.

אננא. דו שלאפסט אויך ניט ביי נאכט?

מאשע. ניין. איך קען ניט שלאפען. אלע ביי אונז אין שטוב שלאפען ביי נאכט, נאר איך אליין בין שטענדיג וואך.

אננא. פאר וואס קענסטו ניט שלאפען?

מאשע (שטיל און קינדעריש). איהר, אננא, בעדארפט דען מיך פרעגען?.. איהר פערשטעהט אליין ניט.

אננא. פון וואנען זאל איך וויסען?

מאשע. איהר ווייסט... איהר ווייסט...

אננא. וואס קען איך וויסען, פאר וואס דו שלאפסט ניט?..

מאשע. איך בין דאך סך אומעטיגער פון מיר.

אננא. פון אומעט קענסטו ניט שלאפען?

מאשע. כ'וואלט שוין וועלען דערלעבען, דער זומער זאל אוועקגעהן, וואלט איך צוזאמען מיט אייך פאהרען אין דער שטאט אריין. (שווייגט). זאגט מיר, אננא, וועט מיר אין שטאט זיין בעסער?

אננא (שווייגט).

מאשע. פאר וואס ענטפערט איהר מיר ניט, אז איך פרעג אייך?.. (קינדעריש בעליידיגט). מיר דוכט זיך, אננא, אז איהר הערט זיך קיין מאל ניט איין, וואס איך רעד צו אייך.

אננא. פאהר ניט אין שטאט אריין. בלייב דא — מיט דיין שוועסטער, מיט פאניין. לערען זיך פון איהר. זעהסט, איהר איז קיין מאל ניט אומעטיג. פאהר ניט אין שטאט אריין.

מאשע (גאנץ שטיל). כ'האב געמיינט... כ'האב געמיינט... ניט דאס האט איהר מיר בעדארפט זאגען. (בלייבט שטיל פערטראכט).

אננא (גאנץ קאלט). דיר איז אומעטיג. נארישע קינד, א מיידעל פון זעכצעהן יאהר דארף ניט זיין אומעטיג.

מאשע. כ'האב ניט מיט וועמען א ווארט אויסצורעדען. איך לעז די ביכלאך און זוך דארט... איך זוך... און אז דאס ביכעל ענדיגט זיך ווערט מיר אזוי אומעטיג, בלייב איך שוין אין גאנצען אליין. ס'כאפט אוש אן א שרעק. ניטא מיט וועמען א ווארט אויסצורעדען... איהר געהט שטענדיג אום אליין און מיך מיידט איהר אויס...

אננא. כ'וויל דיר ניט אויסמיידען, מאשעלע.

מאשע. ווי אויף א קליין קינד קוקט איהר אויף מיר. מיט מיר רעדט איהר שטענדיג אנדערש; ניט דאס, וואס איך וויל.

אננא. פאר וואס דערווייטערסטו זיך אזוי פון פאניין?

מאשע. אז פאני איז גאר משוגע; זי וועט שוין אין גיכען אנהויבען נאכצושלייפען די פויערים אין דארף.

אננא. אך פאני, פאני! פאלג זיך פאניין. פאלג זיך... ווארף דיינע ביכער. לעז זיי ניט מעהר. פאלג זיך פאניין. זי איז דאך דיינע א שוועסטער; זי האט דאך דיר אזוי ליעב! קוק זיך איין אין איהר, מאשעלע, וועט דיר קיין מאל אומעטיג ניט זיין.

מאשע (איהר קול צוטערט). איך האב געמיינט, אז איהר וועט מיר עפיס אנדערש זאגען. אזוינס, וואס מיר וועט ווערען... (קוקט אן אננען). איהר הערט זיך דאך גאר ניט איין, וואס כ'רעד צו אייך.

אַננאַ (קוקט זיך אַרום צעשטערט). בלייב, מאַשעלע, דאָ. איך װעל שוין אויך מעהר אין שטאָט אַריין ניט פאָהרען...

מאַשע (פערוואונדערט). איהר װעט שוין בלייבען דאָ אויפ'ן גאַנצען װינטער? איהר לאַכט...

אַננאַ. כ'לאַך ניט, מאַשעלע. איך װעל בלייבען דאָ... קוקסט מיר אָן, גלויבסט ניט?.. כ'װעל די שטאָט מעהר ניט זעהן... כ'װעל דאָ בלייבען... און דו בלייב אויך דאָ מיט דיין שװעסטער...

(פויזע).

מאַשע. און איהר װעט מיט מיר לערנען? ביי אייך װאָלט איך אַזוי פיעל געלערענט! אַזוי פיעל... שטענדיג װאָלט איך געלערענט.

אַננאַ. יאָ. געװיסט לערנען אויב דו װעסט װעלען.

מאַשע. מאָ קומט מיט מיר איצטער שפּאַצירען — קומט, אַננאַ!

אַננאַ. געה דיר אַליין, מאַשעלע. איך װיל איצטער זיין אין שטוב.

מאַשע. (שלעפּט איהר פאַר'ן האַנד) קומט, קומט!

פאַני. (באָרפוס מיט אַ הייס טיכעל איפ'ן קאָפּ קומט אַריין, מערקענדיג אַננאַן) אָט איז זי גאָר דאָ! אַבי איך געה אום און שריי אין הויף.

מאַשע. געה איך אַליין אַװעק.

פאַני. לאָז דאָ דיין בוך מאַשע.

מאַשע. (ענטפערט ניט און געהט אַרויס)

אַננאַ. קום צו מיר פאַני. ביזט שוין לאַנג אַזוי שעהן ניט ניט געװעזען װי איצטער.

פאַני. (רייסט אַראָב איהר טיכעל פון קאָפּ) אַך אַננאַ, אַננאַ! (װאַרפט זיך נעבען אַננא'ן און שװייגט אַ לאַנגע צייט) כ'האָב פאַר דיר קיין װערטער ניט אַננאַ. כ'װאָלט נאָך אפשר געפּרובט מיין גאַנץ האַרץ עפענען פאַר דיר. קיין װערטער זענען ניטאָ... כ'װאָלט פאַר דיר געעפענט מיין האַרץ אפשר װאָלסטו דאָרט געפונען עפּעס, װאָס כ'קען פאַר דיר ניט אויסרעדען.

אַננאַ. הערט זיך, אַז אַלץ איז אומזיסט. כ'האָב אפשר ניט געדאַרפט קומען אַהער... דיר עגמת-נפש צו פערשאַפען: האָסט עס נים פערדינט. אין דיינע פענסטער דאַרף שטענדיג די זון אַריינ-לייכטען. — ביזט עס װערט.

פאַני. איך שפּיר װאָס... כאָטש איך פערשטעה ניט...

אַננאַ. איך זאָג, אַז אין דיינע פענסטער דאַרף שטענדיג

די זון אַרײַנשײַנען... איך וויל שווייגען, פֿאַני... (אין אַ ווײַלע אַרום. אָהן טאַטע מאַמע האָב איך מײַן יוגענד דורכגעמאַכט... אָהן טאַטע מאַמע אין לעבען געבלאָנדזשעט און אָהן אַ פֿונק האָפֿנונג ביז צו דער פֿינסטערער העל דערגאַנגען... יענע זענען נאָך גאָר אין דער יוגענד אין דער ערד פֿערפֿוילט געוואָרען — און מײַנע האָפֿנונגען האָבען זיך ביסלעכווײַז געלאָשען — און מײַן אייגענעם האַרצען בעגראָבען געוואָרען... כ׳וויל שווייגען — פֿאַני...

פֿאַני. און איך וואָלט פֿאַר דיר מײַן האַרץ געעפֿענט.

אננא (שמייכעלט קאַלט). אַלץ איינס!

פֿאַני (גלײַכגילטיג). ניט אַלץ איינס... און מיר האָט אַלץ אַנגעקלאַגט. אַליין בעזוכט מײַן בלוט און כ׳קען ניט זײַן אַמעדיג... ניט אַלץ איינס! די ערד איז ערבאַרעמדיג און בייז, מילד און ווילד אין איינעם. און מיר האָט זיך פֿערקערפּערט די מוטער ערד. און מיר לעבט איהר וואַהרהייט און איהר פֿײַער...

אננא. מיט דעם וועג, ווינש איך דיר, זאָלסט געהן דײַן גאַנצען לעבען. כ׳ווינש עס דיר פֿון מײַן טיפֿען האַרצען.

פֿאַני. כ׳קען עס דיר גלויבען... טויזענד וועגען נײַע וועל איך פֿאַר זיך געפֿינען, אַליין פֿאַר זיך אויסטרעטען... יעדערער טרעט אַליין פֿאַר זיך אַ וועג — סײַ צום לעבען סײַ צום טויט... געקומען בלויז צו מיר און אין דער שטיל האָסטו זיך צוגעהערט צו די קרעכצען אין וואַלד... און שטאָט האָט אונז ביידען אין געפֿיהל געשטיקט: „אַלץ אַרום וועלק“... בײַ דעם געפֿיהל בלויז געבליבען...

אננא. ביזט גערעכט. בײַ דעם געדאַנק בין איך געבליבען. כ׳האָב ניט בעדאַרפֿט קומען צו דיר...

פֿאַני. (שאַרף). דו האָסט יאָ געדאַרפֿט קומען! איך אַליין האָב דיר געשריבען, אַז דו זאָלסט קומען... איך האָב אָבער געוואָלט, אַז דײַן גאַנצען נעכטען זאָלסטו דאָרט לאָזען און צוזאַמען מיט דער גאַנצער נאַטור זאָלסטו אויפֿסנײַ בײַ אונז אויפֿבליהען... און אָנפֿאַנג פֿריהלינג בלויז אַהער געקומען... די גאַנצע נאַטור האָט אויסגעזעהען, ווי אַ יונג פֿריש קינד, וואָס האָלט שטענדיג אין איין לאַכען — און איצט זעה, וואָס אַרום טוהט זיך!.. דו האָסט אַפֿילו ניט געמערקט, ווי די זאַנגען אויף די פֿעלדער זענען פֿול געוואָרען. האָסט אַפֿילו ניט געמערקט, ווי די בלומען אונטער די פֿענסטער זענען אויסגעוואַקסען...

אננא. מײַן טרײַע! איך בין געווען פֿערנומען מיט די בלומען, וועלכע די אומבעוואוסטע האַנד האָט אין מײַן האַרצען געפֿלאַנצט...

ווי איז, פאַני, שווער צו טראָגן מיך ווייטער אין דיין נשמה...?
באַפרײַ דיך פון מיר...

פֿאַני (מיט אַן איינגעהאַלטענער איבערעגונג). איך אַליין קענט אַ צייט... אַננאַ, ס'איז נאָך קיין איין עפּל ניט געבליבן אויפן בוים פון ניעם פריהלינג...

אַננאַ. יאָ, יאָ — כ'ווייס געוועלט... דער הערבסט-ווינד רייסט די טראַפּ... (ציטערט). האָסט עס ניט פֿאַרדינט... האָסט עס ניט פֿאַרדינט... (שטעלט זיך פֿאַרצווייפֿלונג). מען גייט! דיין פאַפּא גייט... (זי גייט שנעל אַרײַן אין צימער רעכטס און פֿאַרמאַכט די טיר הינטער זיך).

פֿאַני (גייט אַרויף אויבן).

(עוזר און נאָך אים מאיר קומען אַרײַן).

עוזר. וואָס עס פֿעלט אַרײַן אין מײַנע הענט באַקומט נאָר אַנאַנדער פּנים. איך וואָלט דאָרט, אויף יענעם ווײַט וועג, געזעהן וואַלד. מאָמענטן וואָלט איך געזעהן. דער וועג וואָלט אַזוי וואַנדערן ניט [illegible].

מאיר. ס'וואָלט ניט לאָזן דעם ווינד פֿאַרטראָגן דעם זאַמד.

עוזר. נשמים. ס'איז דאָך דאָרט קיין מאָל ניט צו דערקענען, אויב אַ פּאָדר איז חורבן געוואָרן. זאָל מען דאָרט געהן צו פֿאָהרען אין אַ שעה אַרום איז שוין קיין שליאַך ניטאָ. מיט משאות איז ניט דורכצוקריכן. וואַלד איז וואַלד. ס'לויפֿן אַריבער די עטליכע יאָהר און דער וואַלד וואַקסט. אַ וואַלד איז אַ מעלקעדיגע קוה.

נפֿתלי (ליגט אַרײַן אין שטוב). צווישן אונזערע פֿעלדער שפּאַצירט אַרום דעם מלאך המות'ס אייניקל!

עוזר (פֿײַן). וואָס פּלוידערסטו?!

נפֿתלי. פֿאַני האָט אים אַזוי אַ נאָמען געגעבן.

עוזר. פֿאַני ווייסט איך ניט, וואָס זי רעדט. אַ קראַנקער מענטש — וואָס ווילסטו? ער האַלט וואָס פֿרישער איז — נאַרישער יונג!

נפֿתלי (לאַכט). ער האָט טאַקי אויסגעשמעקט, אַז ביי אונז איז פֿרישער.

מאיר. פֿון וואַנען געקומען?

נפֿתלי. איך גייה פֿון די פֿעלדער.

מאיר. נעבען אונזערע פֿעלדער ביזט געווען?

נפֿתלי. איך בין נאָר ביז אייער מעזשע צוגעגאַנגען.

מאיר (שמייכעלט). מעהר ניט, ווי ביז צו דער מעזשע? און האָסט דאָרט קיינעם ניט געזעהן?..

נפתלי: איך גיה היינט ביי נאכט ארויס איפ'ן נאטשליעג מיט די פערד.

עוזר. מען וועט אייך די פערד און דיר אייך אלטינג געבען. האסט אין דער היים וואו צו שלאפען.

נפתלי. (האלט זיך איין ניט צו לאכען). אך, טאטע, דו פערשטעהסט שוין גאר ניט. מאיר געהט אויך אלע נאכט אין פעלד ארויס איפ'ן „נאטשליעג".

מאיר (לאפט איהם פארן האנד). כ'וועל דיר באלד ארויסווארפען דורכ'ן פענסטער.

נפתלי (ברעכט אים מיט א געלעכטער).

עוזר (בייז). שטענדיג געלאכט, שטענדיג געליכטעט זיך איבער דער מאם!

נפתלי. איך לאך דען פון דיר, פאפא? איך לאך, ווייל ס'לאכט זיך — וואס, מען טאר ניט לאכען?

עוזר. וואו איז די — מאשע? דאס איז א קינד. איהר דאס איך ליעב. און דאס איז ניט מעהר, ווי הי—הא! הי—הא! וואו האט זיך עס אויסגעלערענט? ווער בעט די זאלען מיר גאנצענע טעג אומקריכען צווישען די פעלדער? כ'האב געטיג „פאראבקעס". די וועלען אליין אהן אייך אלץ אויפטהאן. פועליען דעם ליאן — א קאטאראזשנע ארבייט — רבי פאני איז דא! און די פויערטעס, וואס מעלקען די קיה קענען עס גאר ניט מאכען. באלד וועט זיך אנהויבען שניט-צייט, ווערסט עפים זעהן — מיט שווייס וועט זיך עס פעגיסען; שווארץ ווי די ערד וועט עס ווערען!.. כ'האב דאס געהאלטען אין גימנאזיע. (בעוויזט אויף נפתלקען). אט דאס שניידט זיך שוין א פאני מיט אלע פינטעלאך. ס'איז פארן א בעט, קיישענס אין דער היים און ער — אויפ'ן „נאטשליעג"; לערנען זיך פון די פויערים שענע מדות.

פאני (איהר קול אונטערן פענסטער). מאשע! מא—שורקע!

עוזר. גאר קיין אידיש קול האט עס ניט.

פאני (אין פענסטער). מאשע איז ניטא?

עוזר. מיין קינד! דו פערשרייסט מיר מיין קאפ.

פאני (לאכט אריין אין שטוב). איך זאל דיינען חילכער? איך האב ניט אויף וואס קיקענדיג צו דיינען. (קריכט דורכ'ן פענסטער אין שטוב אריין. שרייט). היט זיך!

עוזר. משוגע ביזטו, מיין קינד! האסט קיין אנדער וועג ניט?

פאני. אויב דו ווילסט, פאפא, איך זאל נאך אביסעל וואק-

סען, װעל איך צוריק דורכ'ן פֿענסטער אַרױסקריכען. (שפּרינגט אַרױס).

עוזר (שפּרינגט אױף פֿאַר כעס).

פֿאַני (לױפֿט אַרײַן דורכ'ן טיהר).

עוזר. װאָס װילדעװעסטו אַזױ?

נפֿתּלי (געהט אַרױס).

עוזר (שרײַט איהם נאָך). הער, נפֿתּלי, זאָלסט מיר הײַנטיגע נאַכט דאָ אין שטיב נעכטיגען!

פֿאַני (נעהמט צו'ם עוזר'ן). זײַ ניט אין כעס, פּאַפּאַ, זײַ ניט אין כעס.

עוזר. װאו איז די גימנאַזיע דײַנע?

פֿאַני. אין שטאָט, פּאַפּאַ. כ'האָב זי אין שטאָט געלאָזען. (זי קוקט איהם אױפֿ'ן שטערן). דו אַלײן ביזט שולדיג, װאָס איך האָב אַזױ ליעב דאָס לעבען און איך לאַך אַזױ פֿיעל. איך בין דאָך דײַנע אַ טאָכטער. זאָג, דו ביזט אין דער יוגענד ניט געװען געראָטען אין מאיר'ן?..

מאיר (װינקט פֿערשעמט).

פֿאַני (רעדט אױף מאיר'ס זײַט). מײנסט, פּאַפּאַ, אַז איך געדענק ניט, װי דו ביזט געזעסען מיט עטליכע יאָהר צוריק?... דײַן געלעכטער האָט שטענדיג געקלונגען איבער די פֿעלדער...

עוזר (שטיל). געװאַלט, מײַן קינד, האָט נאָך דײַן מאַמע געלעבט.

מאיר. איך װעל אַביסעל אַרומקוקען אײַער גאָרטען (געהט אַרױס).

עוזר. כ'האָב געלאַכט אַמאָל, מײַן קינד, אָבער מעהר ניט...

פֿאַני. פֿאַר מיר איז זי נישט געשטאָרבען. איהר בלוט פֿליסט אין מײַנע אָדערען. איהר בלוט לאַכט אין מיר און טרײַבט מיך אום, װי אַ װילדע. (פּלוצלונג). הער, פּאַפּאַ, איך װיל, דו זאָלסט אָבקױפֿען דעם שטאָטישען װאַלד.

עוזר. דאָס איז דען פֿאַר מײַנע כחות. — אוצרות בעדאַרף מען דאָך צו איהם האָבען.

פֿאַני. נאָך שותּפֿים.

עוזר. דער װאַלד האַלט דאָך אײַם דאָס לעבען פֿון אַזױ פֿיל מענשען.

פֿאַני. האָסט מורא דער בית־עולם אונטער'ן שטאָט זאָל, חלילה, ניט קלענער װערען?

עוזר. לאָז מיך צורוה.

פאַני (ערנסט). אונזער שטוב איז אין געפאר — הערסט, פאפא?

עוזר (קוקט זי אן). וואס פלוידערסטו?

פאַני. זיי וועלען דא אלע וועגען פערפעסטען. זיי האבען דא לעם גאנצען געגענד פערפינסטערט. פון וואלד ציהען זיך שווארצע שאטענס — ביז אונזער שטוב ציהען זיי זיך שוין... ס'איז זיי וועניג דער וואלד, האבען זיי שוין אנגעהויבען אומצוקריכען צווישען אונזערע פעלדער אויך. יעדער בוים אין וואלד איז א לעבעדיגע מצבה. (נעהמט איהם ארום). פאפא, דו וועסט דעם וואלד אבקויפען און נאך היינטיגען ווינטער וועט מען איהם אויסהאקען... פרייע פעלדער! דאנאך וועט מען דעם ארט צואקערען. די פעניעס אויסגראבען מיט די ווארצלען — דעם גאנצען געגענד אויסרויכערען...

עוזר. גוט, דו פלוידערסט שוין און ווייסט אליין ניט וואס.

פאַני. מיט מאיר'ן צוזאמען וועסטו דעם וואלד אבקויפען... קוק איהם נאר אן איין ביסעלע... זעה צווישען די זונענרויזען (נעהמט איהם ארום). אט אויף דעם ארט וועט אנהויבען וואקסען נאר א נייער דור, וועלכער וועט שטאלץ און שטארק וואקסען אונטער דעם בלויען הימעל.

עוזר. מיין קינד. דו האסט נאר קיין שכל ניט, האסט זיך גענומען אביסעל אבלערנען פון אנגע'ן — כאטש דו מיינסט, אז דו ביזט שוין גאר די חכמה... אהן טאטע מאמע, און זעה, ווי ס'האט זיך אויסגעדרעהט. א צירונג פאר גאט און פאר לייטען. גאט וועט געבען, סוף זומער, אז זי וועט פאהרען אין שטאט אריין, וועל איך איהר, בלי נדר, מיטגעבען מאשע'ן. זאל זי זיך לערנען פון איהר.

פאַני (האלדזט איהם). וועסט עס ניט טהאן, פאפא! וועסט מאשען מיט איהר ניט שיקען... איך בעט דיר, אז דו זאלסט וועגען דעם ניט טראכטען. דא וועט זי בלייבען. מאשע מוז דא בלייבען... לחיים, פאפא, אז דו ווילסט דיינע קינדער גוטס טהאן. נאר גוטס... זאלסט אבער דיינע קינדער אין שטאט אריין ניט פערטרייבען... (ווייזט מיט'ן האנד צו דער גאס). דא איז גאטס וועלט! פאפא, אט דא צווישען די רויזען געדענקט איצט אים א קינד פון דער ליעבער נאטור. ער געהערט ניט צו יענע... דארטען וועגען שאטען אין דעם געשטאלט פון מענשען. די געהען נאך דעם מלאך־המות. אהער אין וואלד האט ער זיי נאך אויף א ווילע פערפיהרט... פאפא! די בוימער בעטען דיך, מען זאל זיי בעפרייען פון דעם טרויער געפיל, וואס הענגט איבער זיי... זיי בעטען זיך, מען זאל זיי בעפרייען פון די געצען, וואס דער טויט האט דא אויסגעשפרייט...

דער וועג פֿון וואַלד אין שטאָט אַרײַן ווײַנט, אַז מען זאָל אידם באַפֿרײַען... באַפֿרײַ אידם, פּאַפּאַ. באַפֿרײַ דעם וועג... איך אידם זאָלן זיך געוואַגט האָרען, ווי בײַ אונז אויף די פֿעלדער... געוואַגט, געלעכטער זאָלן קלינגען...

עוזר (שטיל). אַזאַ וואַלד צוהאַקן איז ניט היימלאַך.

פֿאַני. דער גאַנצער געגענד וועט אויפֿבליִען און איך דאָס ניי...

עוזר (באַפֿרײַט זיך פֿון אידער). עט, לאָז מיך צורה!

פֿאַני (האַלט אידם). זײַ נאָך אַביסעלע, פּאַפּאַ, איך וויל דיר זאָגן...

עוזר. און איך וויל דיר זאָגן, מײַן קינד, אַז דו האָלסט אָנטהאָן שיך און זאָקן און אויסזעהן ווי אַ מענש — איך פֿאַרטראַג עס ניט!

פֿאַני (גלעט אידם). פּאַפּאַ, פּאַפּאַ! צו רעדן ווײַסטו ניט, אַז אַזוי איז בעסער?

עוזר. ס'איז אָבער אַ חרפּה.

פֿאַני. פֿאַר וועמען?

עוזר. פֿאַר דיך אַליין איז אַ חרפּה.

פֿאַני. איך מיט זיך אַליין בין שוין הרבעקומען...

עוזר (גייט צום טיר). גיין, מײַן קינד, דײַן טאַטע לאַכט שוין ניט אויפֿן הויכן קול. (גייט אַרויס).

פֿאַני (שרײַט אידם נאָך). פּאַפּאַ! איך הויב אָן חידער צו לאַכען! (זי בלײַבט אַליין שטעהן נעבען פֿענסטער. אַ צופֿרידענער קינדערשער שמייכעל צוגיסט זיך איבער אידער פּנים. ווינקט מיט'ן האַנד, ווי אַ צייכען, אַז מען זאָל קומען. שרײַט „מאַ—שע! מאַ—שע"! פֿאַרט פֿענסטערער).

מאיר (קומט אַרײַן).

פֿאַני. דאָסט ניט געזעהן, אין וועלכער זײַט דער פּאַפּאַ איז אַוועק?

מאיר. צום זשעזשינעץ. וואָרום וואָס?

פֿאַני. גאָר ניט. גאָר ניט. כ'וויל מיר זאָלן ביידע פֿאָדערן דײַטשען אויף אונזערע קאָשטאַנעוואַטע פֿערד. מיך צוהט צום אַדערע. (ביז יעדען טאָג זיך אַליין אָנקוקען אין אידער קלאָרען וואַסער. זי לעגט אידער האַנד אויף מאיר'ס אַקסעל) דו ווײַסט גאָר ניט ווי שען דו האָסט אויסגעפֿערען צווישען די חיות. די לעצטע שטראַלען פֿון דער זון האָבען די וואַרע שפּיצען באַמאַלעט און זיי האָבען אויסגעזעהן ווי הויכע שטאַלצע פּינצען מיט גאָלדענע קרוינען... דו האָסט

הויכער און שטאָלצער פֿון די אַלטע אימפּעריען. (קוקט איהם גלייך אין די אויגען אַריין) אַ גרינער פֿרישער וואַלד שפּיגעלט זיך אין דיינע אויגען אָב.

מאיר. און אין דיינע אויגען שפּיגלען זיך אָב די זונעך רויזען.

פֿאַני. און וואָס נאָך?

מאיר. די הויכע טאָפּאָלען וואָס וואַקסען אויפֿן וועג צום אָזערע.

פֿאַני. און וואָס נאָך?

מאיר. ווייטע, ווייטע, פֿעלדער. מיט הויכע, גרינע תבואות... און שוואַרצע כוילע בּאַגעגען שטעהן אונטער דער זון אין אַ בּרענענ־דיגען תמוז־טאָג...

פֿאַני. און אויף דער מעזשע צווישען די פֿעלדער גייען אַ שורה יונגע מענשען און זינגען הויך פֿרעהליכע לידער און לאַכען. ס׳קלינגט אַהין און אַהער איבער די פֿעלדער דאָס געלעכטער (זי פֿאַלט אין זיינע אָרעם) די שטיק ערד, מאיר, וואָס ליגט אויף יענער זייט אָזערע וועלען מיר אַהינפֿלאַנצען מיט טאָפּאָלען. הויכע, הויכע טאָפּאָלען וועלען דאָרט וואַקסען... הויכע, געזונטע מענשען וועי־לען דאָרט וואַקסען... יאָ, מאיר?.. (קינדעריש בּעגייסטערט) גאַנץ גלייך אין פֿייגעלע... יאָ מאיר... הויך, הויך וועלען די נאָך וואַקסען... שטאַרקער, שטאַרקער וועלען די נאָך ווערען...

מאיר. דו בּעדאַרפֿסט זיך נאָך אויסלערנען גוט אַקערען. די סאָכע בּעדאַרף זיך אַליין געהן — דו בּעדאַרפֿסט נאָר האַלטען פֿאַר אַ הענטעל. זי טרעפֿט זיך שוין איהר וועג... דו געהסט און פֿייפֿסט און די גליבּעס ערד לעגען זיך, לעגען זיך אָן אַ זייט... (שווייגט), אייערע בּושלאַעס קומען שטענדיג צו אונז אויף די פֿעלדער. ווען איך אַקער געהען זיי מיר פֿון הינטען נאָך און כאַפּען די ווערעם וואָס שפּרינגען אַרויס נעבען דער סאָכע...

פֿאַני. דו הערסט אַמאָל, מאיר, בּעת די ערד וויינט? האָסט נאָך קיין מאָל ניט געהערט... די ערד וויינט און די ערד וויינט... היינט מאיר דוכט זיך מיר אַז די ערד וויינט און דער שטיל... זי בּלייבּט פֿאַר צער... (בּיידע שווייגען אַ צייט. פֿאַני בּעפֿרייט זיך) מיר וועלען בּאַלד פֿאָרען. איך וועל נאָר געהן אַנגעם בּלומען בּעגיסען. נעהן ניט איך וואָלטען זיי שוין לאַנג פֿערוועלקט געוואָרען. (זי געהט צום פֿענסטער. זי מערקט וואָס הינטער׳ן פֿענסטער פֿערשראָקען) מאיר! מאיר! זעה נאָר דאָרטען, ווער געהט צו אונז צווישען אונזערע פֿעלדער?

מאיר (קוקט אין פענצטער). העלפט דען ניט — דאס איז דאך אננא מיט איהר חבר...

פאני (שמערצענהאפט). אך אננא! צווישען אונזערע פעלדער געהט זי אום מיט איהם!... צווישען אונזערע פעלדער... אננא, אללעס אומזיסט!... (נאך א קורצען שווייגען) שלעכט, שלעכט אין דער נאטור זענען צוויי הענד פארהאן; איינע בויט און די אנדערע צושטערט... איינע פלאנצט און די אנדערע רייסט אויס... וועלכע האנד איז שטארקער??... איך שפיר עס... אויף אונזערע פעלדער וועט זיך נאך געוויס אבשפילען די דראמא פון לעבען און טויט — און אפשר גאר נאהענט פון אונזערע פענסטער... אפשר גאר ניט אין וואלד אליין... דאך דעם גאנצען לעבען מיינעם וועל איך פלאנצען, פלאנצען און פלאנצען!... רייס אויס דאס וואס עס ווילט — וואל דאס געזונטע בעסער וואקסען... מיר פארען באלד, באלד! (רופט) מאשא! מא—שא! וואו איז זי? דאס איינציגע וואס שרעקט אזוי מיך הארט איז מאשא... אלץ ארום איז דא פעסט איינגעפלאנצט נאר די איינע בלאנדזשעט אום... די שאטענס פון וואלד זענען איהר געפאלען...

מאיר. דעם גאנצען טאג בעהאלט זי זיך ערגעץ.

פאני. צי האט מיר אננא ניט פערטיפטעט מיין בעסטע...? ווי רייס איך אב פון איהר מאשען?..

מאיר. ביזט דאך א חכמה צו וואס האסטו איהר איינגעשריבען אהער? קריגט איהם א פערהולמטע זי פון יענער וועלט, נאר א קינער וועט ניט כאפט זי דעם שוארצען און לייכט מיט איהם אום...

פאני (מיט שמערצען אויפ'ן געזיכט). אך, דו ווייסט ניט, מאיר! כ'האב געמיינט אז דא וועט זיך פאר איהר אן אנדער וועלט עפענען. זי האט שטענדיג געדורשט נאך לעבען... און כ'האב געמיינט אז ביי אונז וועט זי אלץ געפינען...

מאיר. דעם בער צידט שטענדיג צוריק אין וואלד אריין. זי דרייט צווישען אונזערע שמעקעדיגע פעלדער און בענקט נאכ'ן שטאדטישען...

פאני. וואס בעדייט איהר שרעקליכער שווייגען?! מוטשען זיך אזוי צוגעבונדען צו איהר... ווי רייסט מען זי אב פון איהר?..

מאיר. זיי איהר משלה צוריק אין שטאט אריין, לאז איהר...
מען קען געפינען וועם איהר צו ...אגען...

מאַשע (קומט אַריין. מיט אַ בוך אין האַנט. דאָס געזיכט בלאַס. פאַרנעמט זיך צום צימער רעכטס).

פאַני. אָט איז מאַשע! (כאַפּט איהר פאַר'ן האַנט) מיר וואַרטען מאַשעלע אויף דיר — וועסט פאָהרען מיט אונז שפּאַצירען?

מאַשע. כ'שפּאַציר געניג.

פאַני. מאַשע, דו וועסט געהן מיט אונז, יאָ?.. איך וויל, מיין קינד, אַז דו זאָלסט געהן מיט אונז...

מאַשע (וויל זיך באַפרייען). לאָז מיר אַליין — לאָז מיך! איך באַדאַרף קיינעם ניט האָבען.

פאַני (גלעט איהר). מיט אונז, מאַשעלע, וועסט געהן (נעהמט ביי איהר דעם בוך פון דער האַנט און וואַרפט דעם בוך), געניג דיר, קום, מיר וועלען פאָהרען רייטענדיג.

מאַשא (בייז). געה דיר צו דיינע פּויערים, געה דיר! לאָז מיר, כ'וויל אַליין בלייבען אין שטוב. איך קען מיט קיין פּויערים ניט אומיאָגען זיך.

פאַני (וויינט). מאַשעלע... מיין קינד... געה ניט מיט אַננען... מאַשע... זי רעדט מיט דיר אַ מאָהל — געה ניט מיט איהר... אננא געהט אין וואַלד אַריין אויך...

מאַשע. טאָ מיט וועמען זאָל איך אומגעהן — מיט דיר?.. כ'קען מיט דיר ניט רעדען. פערשטעהסט ניט וואָס מען רעדט צו דיר... האָסט אַלץ פערגעסען... מיט אַננען וועל איך געהן און וואָס זי וועט מיר זאָגען וועל איך הערען... אַפילו ווען זי שווייגט פערשטעה איך אַלץ... אַלץ פערשטעה איך. געה זיך וואוהין דו ווילסט —

פאַני (קוסט מאַשען. איהר קול ציטערט). הער זיך איין, מיין קינד... כ'וויל דו זאָלסט מונטערער ווערען... כ'וויל דו זאָלסט געהן... (דריקט איהר צו זיך) ווער אַביסעל פריילעכער... קוק זיך ניט איין אויף אַננען — קוק ניט, וואָס זי טהוט... געזונד וויל איך זאָלסט זיין... לעבעדיג וויל איך זאָלסט זיין...

מאַשע (רייסט זיך אַרויס). מיט אַננען וועל איך געהן, וועל איך לעבעדיג זיין. (זעצט זיך אויפ'ן זאָפע דער קאָפּ אַראָבגעהאַנגען).

פאַני (שטאַרק צעטראָגען. שלייַדערט דעם בוך פלוצלונג). מאיר, מיר פאָהרען!.. דעם בעסטען פערד וועל איך זאָטלען און קיינער וועט אונז ניט איבעריאָגען... הערסט, מאיר — קיינער ניט! (געהט שנעל אַרויס. ס'הערט זיך נאָך אונטערן פענסטער פאַניס קול: „קיינער וועט אונז ניט איבעריאָגען“!)

מאיר (געהט אַרויס).

מאַשע. (הויבט אויף דאָס בוך פון דער ערד. קוקט אין

איהם אַ ציַיט. לעגט איהם אוועק נעבען זיך. קוקט זיך אַהים צישטריַיט. רעדט האַלב ווינענדיג) שטענדיג אַליין... שטענדיג אַליין... פאַר וואָס לאָזט מיר אַננאַ, איך אַליין?.. פאַרוואָס מיידט זי מיר אויס?.. קוקט אין פענסטער. די מערקט וועמען. זי געהט שנעל אַריין רעכטס און פערשליסט די טיהר הינטער זיך. ס'ווערט פינסטערער).

(פויזע).

אַננאַ (קומט אַריין. האָט אַ צישטריַיטעס אויסזעהן. קוקט איב אימעצער איז אין שטוב פאַראַהן. זי געהט צו צום פענסטש — הפּט). סאַפיר! איהר קענט אַריינגעהן, קיינער איז ניטאָ.

סאַפיר (אַ ברונעט. מיט שוואַרצע איבערפאַלענע אויגען. הויך און דאַר געוואַקסען. קומט אַריין).

אַננאַ (מיט אַקאַלטען שמייכעל). פאַני בעגריסט יעדען פריה־מאָרגען און ביי זונאונטערגאַנג מיינע בלומען די האַלבען וואַקסען... (ווייזט צום פענסטער) דאָרט זענען מיינע בלומען... פרעמדע בלו־מען!..

סאַפיר. אפשר זענען דאָס ניט קיין פרעמדע.

אַננאַ. פאַר אייערטוועגען וואַקסען נאָך אפשר ערגעץ וואָס בלומען, אָבער פאַר מיר... איהר וועט געזונד הערען; פאַר אייך וועט זיך נאָך אָנהויבען אַ ניַי לעבען (זי זעצט זיך אויף דער זאָפע און קוקט אַרויס האָפנונגסלאָז אויף דער גאַס) אָך בלומען מיינע... בלומען מיינע!.. וואַקסען דורך פאַני'ס ברכה... פאַני האָט אייך געבענשט אָבער ניט איך... ביי מיר אין האַרצען איז אפשר בעהאַל־טען בלויז אַ קללה פאַר אייך און פאַר'ן גאַנצען לעבען...

סאַפיר (זעצט זיך נעבען אַננע'ן). ווען איך וואָלט געוועזען געזונד, וואָלט אפשר די האָפנונג שוין לאַנג מיר אויסגעלאַכט. ס'קען זיין, אַז ביים וואָרט: „איהר זענט שוין פאָלקאָם געזונד" וואָס דער רופא וועט מיר זאָגען, וועט זיך דער לעצטער פונק פון מיין האַרצען אויסלעשען... זייענדיג קראַנק הילט זיך, אַז אין לעבען איז פאַראַן נאָר שענעס... עס שווימען אום פיַיערלעך ליכטיגע... ס'איז פאַראַן אַ כשוף וואָס צויבערט נאָך פון וויַיטען... ברענגט אין בעוועגונג אַלע גלידער און ס'גלעדט זיך נאָך פאָרווערטס...

אַננאַ. יאָ, ס'גלעדט זיך פאָרווערטס... אַלע געהן פאָר־ווערטס — אָבער ניט ביי אַלעמען האַלט זיך דאָס גאַנצע לעבען דער מאַמעס מילך אויף די ליפּען. ביי מיר האָט זיך די בייזע האַנד נאָך נאָר אין דער יוגענד אָבגעווישט... און די האַנד וואָס האָט מיך געפיהרט געדענק איך ניט — ניין איך געדענק זי ניט... איך בין אַליין

גאַנץ אַליין געשטאַנען און אין אַ קורצע צייט האָב איך אַלץ חרובֿ גע-מאַכט. און וואָס ווייטער האָט אַלץ שטאַרקער געקלונגען אין מיינע אויערן די פֿראַגע „וואוהין"? „וואָס ווייטער?"... „וויפֿיל איז דער שיעור?" ביז איך בין אין אייער וואַלד געקומען... (שווייגט אַ ווייַ-לע) אייער וואַלד, און וועלכען איך גנבֿע זיך אַריין אַ מאָל, פֿאַני זאָל ניט וויסען, האָט מיר זעהר פֿיעל, זעהר פֿיעל פֿערענטפֿערט. דאָ האָב איך געזעהען די ווירקליכקייט אין איהר אמת'ן פֿאַרב... דאָ ביי אייך אין וואַלד שוועבט אום אַן ענטפֿער אויף אַלע פֿראַגען וואָס האָבען מיר מיין מח געשטערט. (זי טוליעט זיך צו איהם) עלענד... עלענד... קאַלט אַרום, סאַפּיר. אַ אָסיען-נאַכט אַרום... (רעדט צו-געטרייט, דריקט זיך אַלץ מעהר צו איהם) דו דריקסט זיך צו יענעמ'ס ברוסט — עס ציטערט... יענעם איז — קאַלט... מען וואַרימט זיך פֿלומרשט...

סאַפּיר (טוליעט זיך צו איהר). רעדט עס ניט, אַננאַ... צימענטנייז דוכט זיך, אַז דאָס האַרץ דיינס בענקט, רייסט זיך צו אַזוינס וואָס דיר, דיין נשמה פֿעהלט נאָך... דיין נשמה איז נאָך ניט גאַנץ... דאָס האַרץ וועט אַזוי לאַנג בענקען ביז די נשמה וועט ניט גאַנץ ווערען... ס'וועט זיך גלייכען, אַז מאָרגען וועט וואָס נייעס געשעהן; וואַרימער וועט די זון לייכטען —

אַננאַ. איך האָב שטענדיג געלעבט אין מיין נעכטען צוליב היינט... און היינט צוליב מאָרגען — סאַפּיר! ס'איז קיין „מאָרגען" ניטאָ!.. (געוויינט) ניטאָ, סאַפּיר! ס'אַלגען! ס'איז ניט מעהר די אַלאַנגער, לאַנגער, פֿינסטערער און קאַלטער „היינט"...

סאַפּיר (ציטערט ווי פֿון קעלט).

אַננאַ. (קאַלט) אייערע מענשען דאָ אין וואַלד וויסען ניט, אַז גאָר ניט ווייט פֿון דאַנען איז פֿאַראַן אַ גרויסע, גרויסע אָזערע... פֿאַני האָט מיך געפֿירט אַהין ווייזען ווי דער בלויער הימעל שפּיגעלט זיך אין איהר קלאָרע וואַסער... און איך האָב דאָרט עפּיס אַנדערש געפֿונען... דאָרט ליגט אַן ענטפֿער פֿאַר אייך אַלעמען — אַפֿילער וואַלד איבעלאַשקע... צוזאַמענגעבראָכענע האַלאַבושקעס... צאַנ-קען טרוקענע קנייטען — נאָר אַרום זייערע ליפּען איז נאָך געבליבען דער אונצופֿרידענער קנייטש: ס'איז שווער אָהן אַן ענטפֿער... — צום אָזערע זאָלען זיי געהן!...

סאַפּיר (זיין קול ציטערט). אייערע ווערטער גיסען זיך מיר ווי אַ קאַלטער אָסיען רעגען אויף מיין צופֿיבערטעם לייב...

אַננאַ. (זי הויבט אויף איר קאָפּ. דאָס געזיכט איז קאָנוואַל-סיוו פֿאַרענדערט) איבגעלאָשען האָבען זיך לאַנג אַלע פֿייערלעך...

אין אָנפאַנג פרילינג בין איך אהער געקומען — און דאָס איז מיין לעצטער וועג געווען. ווייטער וואוהין צו געהן — איז ניטאָ... טראָפּענווייז האָב איך דעם קאַלטען גיפט דערשפּירט... נאָר ווערמען מיידט עס דאַן אוים. איין מאָל פאַר אַלע מאָל מוז מען דאָך זיך אין אַלץ ענטווישען... דער אונטערשייד איז נאָר אין דעם, איינער לעבט פאַרטאַרעשט ביז זיין קערפּער ווערט צוקנייטשט און צובראָכען פאַר עלטער, און דער אַנדערער ערבליקט דעם אמת נאָך גאָר פון פריהמאָרגען. סוף — כל — סוף בלייבען אַלע ליגען אין אונמאַכט און נאָך דעם קריצט דער יאוש אויס זיין צייכען אויף זייער שטערען... הונדערט וועגען פירען צום טויט און איינער פירט נאָר צום לעבען... וואו איז ער אָבער דער איינער?... ניטאָ!... ניטאָ!.. (זי הויבט זיך פּלוצלונג אויף שטעלט זיך ביים פענסטער) אָט וועהט זי זיך פון דאַנען די אויערע...

סאַפיר. (שטעלט זיך) אייערע ווערטער שרעקען מיך פינקט ווי דער בית-עולם וואָס וועהט זיך געדענקען פון וואַלד אין שטאָט אַריין...

אננא. ניטאָ זיך פאַר'ן בית-עולם וואָס צו שרעקען... דער „אמת" איז ניט שרעקליך... (זי קוקט אין פענסטער אָנגעשטרענגט) איהר זעהט דאָרט אויפ'ן וועג צום אויערע צווי ריטערס?

סאַפיר (קוקט אין פענסטער). יאָ איך זעה. אַ גאַנצען וואָלקען שטויב לאָזען זיי נאָך זיך.

אננא. דאָרט פאָהרט פאַני און מאיר... זיי גלויבען אַז זיי פאָהרען אויפ'ן וועג פון לעבען... (זיי קוקען ביידע אַ צייט אין פענסטער).

אננא. זי וויל איהם איבעריאָגען... (ענערגיש) קומט סאַפיר! כ'וויל נאָך היינט זיין ביי אייך איין מאָהל אין וואַלד — קומט! (געהט אַרויס מיט אַ נערוועזע שנעלקייט).

סאַפיר. ניין. אין וואַלד האָב איך שוין גאָר ניט וואָס צו זאָגען... (מיט איבערצייגונג) יאָ! ס'וועט זיין גענוג פאַר מיר. (געהט נאָך שטיל אַנגען דער קאָפּ אַראָבגעלאָזען. ס'פאַלט צו די נאַכט).

מאַשע. (געהט אַרויס פון איהר צימער שטאַרק צוטראָגען. קוקט אַ ווייל אין פענסטער. זי פאַלט אויף דער זאָפע און וויינט הייס פאַנאַנדער אין דער שטיל).

(פאָרהאַנג).

# דריטער אקט.

די דעקאראציע ווי אין צווייטען אקט. שפעט ביי נאכט. די טהיר און פענסטער זענען אפען. אוים'ן גאס בליצט. רעגענט, פון מאשעס צימער שלאגט א פאס ליכט אויף דער סצענע.

עוזר (ער גערט ארוים פון ליכטיגען צימער. קוקט הערצין פענסטער אויף דער גאס). אויף דער גאס וועט מסתמא באלד ווערען אונטער. די כמארעס ווערען שטארקער.

מאשע (רעדט אינ'ם ליכטיגען צימער). ציגד דארט, פאפא, אן דעם לאמפ. ווען מען אפשר ניט זעהען ווי עס בליצט.

עוזר. כ'האלט די לאדען צוגעמאכט נאר כ'וויל הערען אויב די קינדער גערן שוין... און גיכען וועט עס איינגאסען פון זיינען ארויב. אינגאנצען פון זיינען אראב.

מאשע. מיר איז בעסער, פאפא. כ'וויל ארויסגעהן לייגען זיך אין שטוב.

עוזר. ווארט אביסעל. כ'וועל דעם העגנלאמפ אנצינדען.

מאשע. קום שוין בעסער צו מיר, פאפא. צינד ניט. קום צו מיר. עס שרעקט שוין מיך ווידער. פאפא עס שרעקט מיך ווידער...

עוזר. (ער גערט אריין צו מאשען. זיין קומט אין א הייליג אהיים צוריק. טראגט אין איין האנד א שטעה-לאמפ און אין דער אנדערער א קישען. ער שטעלט דעם לאמפ אויפ'ן טיש און די קישען לעגט ער אויף דער וואנט).

מאשע. (באווייזט זיך אין טהיר פון איהר צימער. דאס געזיכט בלאס. די האר צולאזען. אנגעטהאן אין א לייכטען ווייסען קאפאט). אט בין איך שוין, פאפא.

עוזר (ער פיהרט זי צום זאפע, זי לעגט זיך, ער זעצט זיך נעבען איהר) עס בליצט אויף דער גאס. ס'וועט זיך מסתמא באלד אויסגיסען א שלאקס-רעגען. כ'האלט וועלען אז דער רעגען זאל זיי ניט איבערראשען... אזוי שפעט, אזוי שפעט!

מאשע. זיי זענען געפאהרען צו געגאנגען?

עוזר. פרעג עס מיר ניט, מיין קינד. בעסער פרעג עס ניט.

כּוויל עס גאָר ניט הערען. (און פֿייגעלע צוים — טאַפּט מאַשען איהר קאָפּ). דיר איז בעסער? איך זעה מיין קינד, אַז דיר איז בעסער... גאָט וועט געבען, ווינטער צו, וועל איך דיר שיקען אין שטאָט אַריין. וועלסט פֿאָהרען, מיין קינד, אין אַ גרויסער שטאָט?...

מאַשע. טהו אַ קוק פּאַפּאַ אין פֿענסטער, אפֿשר געהען זיי שוין.

עוזר (קוקט אין פֿענסטער). מען זעהט גאָר ניט. די וואָלקען קומען, די וואָלקען קומען. די כמאַרע מוז'ן רעגען וואָס זיי שוין ברענ־גען צוטרייבען. אַנגאַ פֿלעגט דאָך קיין מאָהל אַזוי שפּעט ניט אַהיימ־שלעפּען זיך... כ'וועל נאָר אַרויסגעהן אויף דער גאַס אַ קוקטהאָן.

מאַשע. לאָז מיר פּאַפּאַ ניט אַליין.

עוזר. האָסט זיך דאָך קיין מאָהל אַזוי ניט געשראָקען. זעה ווי די ביזט בלאַס און צישראָקען... (זעצט זיך נעבען איהר). דערצעהל מיר מיין קינד, וואָס איז דאַ געשעהען?... איז דאַ געשעהען עפּעס אויפֿיטס?.. ווייסט וואָס?..

מאַשע. זעה, פּאַפּאַ, צו זיי געהען נאָך ניט.

עוזר. האָט וואָס געטראָפֿען און איך ווייס גאָר ניט?

(פֿייגעלע שטעקט אַריין דעם קאָפּ הינטער'ן פֿענסטער אין שטוב אַריין).

מאַשע (מערקט פֿייגעלען און דערשרעקט זיך). ווער איז דאָרט פּאַפּאַ?! אין פֿענסטער!

עוזר (פֿערוואונדערט). די פֿייגעלע? אַזוי שפּעט אין אונזער געגענד?

פֿייגעלע. מאָהר און פּאַני זענען געקומען צו אונז רייטענדיג. זיי האָבען געהאַט יונגערע פּאַראָבקעס.

עוזר (ערשטוינט). גאָט מיינער! וואָס איז דאַ אַזוינס?... (פֿייגעל קומט אַריין) אייערע פּאַראָבקעס געהאַטען? נאָך וואָס?

פֿייגעלע. איך ווייס גאָר ניט...

עוזר. די, פֿייגעלע, זיץ אין שטוב מיט מאַשען. איך קום באַלד צוריק. איך געה נאָר אַרויס אויפֿ'ן ושאָושינע. אפֿשר וועל איך דאָרט וואָס דערוויסען. (צייגט מיט די אַקסלען) אַ נאַכט... אַ נאַכט אַביסעל!... (ער געהט אַרויס).

פֿייגעלע (זי זעצט זיך נעבען מאַשען).

עוזר (שטעקט אַריין דעם קאָפּ אין פֿענסטער). מאַשער, קינדער, וואָס וואָלט געווען אַ גוטע זאַך איהר צומאַכען די פֿענסטער אויף די קייטלאַך. פֿון מורה ווייט צייט אַ גרויסע כמאַרע. דער ווינט הייבט אָן צודמען פֿון צפון — מאַכט וואָס אויסרייסען (פֿערשווינדט).

מאשע. שוין לאנג אז זיי זענען געווען ביי אייך?

פייגעלע. זי ווייסט אויף וועלכען בוים מען האט איהם געפונען?

מאשע. וועמען געפונען?

פייגעלע. ווייסט גאר ניט? אבי כ'האב געמיינט אז איהר אלע ווייסט שוין... דעם שווארצען האט מען געפונען הענגענדיג אויף דער בערעזע וואס שטעהט דארט אליין ווייט פון וואלד — אויף דעם וועג וואס פיהרט צו אונזערע קארענס.

מאשע (ציטערט).

פייגעלע. וואס איז דיר מאשעלע?

מאשע. מיר איז גאר ניט פייגעלע. מיר איז גאר ניט... איך שרעק זיך גאר שטארק.

פייגעלע. דיך שרעקט וואס כ'האב דיר דערציילט? פאר וואס איז זיך פאראהן צושרעקען? ער ליגט נעבען וואלד. מען האט איהם געלעגט נעבען דער גרויסער אליע — דארט וואו ס'איז אמאהל געוועזען דער היזיגער מיראווניק. מען זאגט, אז מען ווייסט גאר ניט פון וואנען ער איז.

מאשע. ווען זיך נאהענטער צו מיר... האסט גאר קיין מורא ניט?

פייגעלע. איך? גאר ניט! אט בין איך איצטער אליין געקומען אהער. מען זאגט אז ער האט זיך אפשר אויף נאך אנ'ארשין איבערגעצויגען... ער איז געהאנגען א שווארצער אויף דער ווייסער בערעזע... א געוואלד וואס פאר א צונג ער האט ארויס־געשטעקט...

מאשע (שפרינגט אראב פון געלעגער, בעוועגט מיט שרעק צום זאפען). אט דא אויף דעם ארט איז ער געזעסען!..

פייגעלע (שפרינגט אויך אראב). וואו זיצט ער דיר? ביזט נאר א חודע. ער ליגט אין וואלד. ער ט'שוין ניט קומען...

מאשע (שטעהט אין מיטען צימער צושטרייט). אליין ווייס איך... כ'האב זיך אין צימער פערשלאפען... (ס'בליצט) מאך צו דעם פענסטער!. —

פייגעלע. וואס ווייסטו? זאג, וואס ווייסטו?

מאשע. מאך צו די פענסטער! (ס'הערט זיך נעבען שטוב דאס הירזשען פון פערד).

פייגעלע. אט איז מען צוגעפאהרען צום שטוב! (אין שטוב לויפט אריין פאני מיט'ן בייטש אין האנד נאך איהר מאיר).

פאני. אוי האט עס געמוזט זיין! אזא אנהויב מיט אזא

סוף האָבען... (מערקענדיג מאַשען) וואָס איז מיט דיר מאַשע? וואָס איז מיט דיר?! (דריקט איהר צו זיך) ווי זי זעהט אויס! וואו איז דער פּאַפּאַ?

מאיר. זי שרעקט זיך?

פייגעלע. זי שרעקט זיך ווידער.

פאַני. לעג זיך איפּ'ן זאָפע. וואָס שטעהסטו אַזוי אויפ'ן מיטען שטוב?

מאַשע. כ'וועל אויפ'ן זאָפע ניט ליגען... פאַני, איך ווייס אַלץ, כ'ווייס אַלץ-דינג...

פאַני (גלעט זי). זאָג מיר, וואָס ווייסטו? זאָג מיר... זאָג מיר וואו איז אַננאַ? וואוהין איז זי געגאַנגען... האָסטו וואָס געהערט?..

מאַשע. (שטעהט אַראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ).

פאַני. זי האָט היץ. לעג זיך אין בעט. פייגעלע, דו וועסט נעבען איהר זיצען. כ'וועל דעם לאָמפּ איך אַהין טראָגען. (זי פיהרט מאַשע'ן אין צימער אַריין. פייגעלע טראָגט נאָך דעם לאָמפּ).

מאיר. ס'דוכט זיך באַלד וואָס צושפּילען אויף דער גאַס.

פאַני. (צוריק פון צימער) מיט'ן קינד איז עפּעס ניט גאַנץ היימליך... אַך אַננאַ, אַננאַ!... (מינטערער. לעגט איהר האַנד אויף מאיר'ס שולטער) היינטיגע נאַכט וועט וואָס געשעהן. ס'מוז וואָס געשעהן. אַזוי קען עס שוין מעהר ניט בלייבען... הײַנט איך פאָהר אין פעלד; ווען איך געה אויפ'ן וועג ווינקט צו מיר יעדער בוים — יעדעס גרעזעל רעדט אין בעט, אַז איך זאָל זיי בעפרייען.. וועסטו מיט מיר געהן, מאיר?...

מאיר. איך וועל געהן.

פאַני. עס בליצט שטאַרקער אויף דערויסען... די גאַנצע אַטמאָספער מוז איצט זיין בעלויכטען.

פייגעלע. (איהר קליינגעהנדיגער געלעכטער פון צימער). דו ווייסט, אָבער מאַשעלע וואו מען האָט זיי געפונען? דו ווייסט מאַשעלע? אויפ'ן סטאַוו שטרוי האָט מען זיי געפונען. (לאַכט) אויפ'ן רעכטען שפּיץ האָבען זיי זיך פערקליבען... די פראָבקעס האָבען זיי מיט די גראַבליעס אַראָבגעשלעפּט.

פאַני. (פערקלערט). וואָס איז מיט מאַשען אַזוינס?... (פלוצלונג). וועסטו מיט מיר פאָהרען?

מאיר. כ'וועל פאָהרען.

עוזר (קומט אַרײַן אומרוהיג). זאָגט מיר קינדער, וואָס איז דאָ אַזוינס געשעהן? וואָס לויפֿט איהר אַלע אַזוי אום?...

פֿאַני. וואָס ביזטו אַזוי בלאַס פּאַפּאַ?

עוזר. זאָג מיר דו, מאיר, וואָס איז דאָ אַזוינס געשעהן? דאָס קינד שרעקט זיך און רעדט פֿון היץ.

פֿאַני. (רעדט שאַרף מיט אַ קלינגענדען קול). דו האָסט מיר ניט געלאָזט לאַכען, פּאַפּאַ. און איצטער וואָלט איך וועלען, אַז מײַן געלעכטער זאָל זײַן שטאַרקער פֿון די דונערען וואָס וועלען באַלד אויס־ברעכען!... וואָס ביזטו אַזוי בלאַס, פּאַפּאַ?... זעהסט, מאיר, פֿון איהרע זאַמען זענען דאָך בלומען אויסגעוואַקסען... גיעה פּאַפּאַ אַרײַן אַבּיסעל צו מאַמען...

עוזר (צוקט מיט די אַקסלען). זיי וועלען מיר הײַנטיגע נאַכט פֿון זינען אַראָבפֿיהרען! (גערהט צו מאַמען).

פֿאַני. הערסט, מאיר. אַלץ קען מען צוריק פֿערפֿלאַנצען... די ערד האָט ניט פֿערדינט אַז אויף איהר זאָלען זיך קרעכצען הערען.. די ערד האָט ניט פֿערדינט, אַז פֿון איהרע בלומען זאָל מען קרענץ פֿאַר טויטע פֿלעכטען... איך וועל מאיר, שנײַדען דעם מאָרג ערד וואָס דו האָסט געזעהט... איך זעה מאיר, אַז אַלץ וועסטו מיט מיהר טאָהן...

מאיר. איך האָב ליב לאַנג צו שווײַגען נאָר אַז כ׳טהו זיך אַריר איז שוין אָבגעטאָהן אַלץ אויף זיכער... (ער קוקט אין פֿענסטער) די פֿערד רײַסען זיך. די כמאַרע ווערט נאָך געדיכטער.

פֿאַני. ס׳האָט זיך נאָך וועגער פֿון זיי געהאַנגען אין וואַלד. די גאַנצע נאַטור איז געגען אונזערע. אַ בוים קען גאַנץ לאַנג אויף זיך קײַן געהאַנגענעם ניט האַלטען. ווען איינער הענגט זיך אויף אַ בוים, ווײַט אין טיפֿען וואַלד, ווײַט פֿון וועג און פֿון מענשען... ווערט אַ גרויסע בורע — אַ שטורם רײַסט זיך אוים: דער גאַנצער וואַלד בויגט זיך אַזש צו דער ערד — ביז דער בעליידיגטער בוים טרייסעלט פֿון זיך אַראָב דעם געהאַנגענעם...

עוזר (גערהט אַרויס פֿון צימער). פֿאַני, געה אַרײַן צום קינד! ניט קײַן טאָג און ניט קײַן נאַכט איז בײַ דיר — געה אַרײַן צום קינד!

פֿאַני. ערב יום־טוב איז הײַנט בײַ מיר. צוזאַמען מיט דעם גאַנצען געגענד וועל איך דעם יום־טוב פֿײַערען (גערהט צו מאַמען).

עוזר. ווי גאָר ניט צו מײַן שטוב וואָלט עס געהערט... ווי גאָר ניט מײַנע קינדער וואָלטען זיי געווען... זאָג מיר, מאיר, וואָס שטעהען נאָך די פֿערד הינטערן טיהר?! וואָס איז מיט׳ן קינד?... וואָס שטעהען די פֿערד געזאָטעלט?

מ א י ר. פֿאַני װיל נאָך הײַנט פֿאָהרען...

ע ו ז ר (בײז). הײַנט?! משוגע איז זי! װאָס טראַגט מען זיך גאָך אַהים?.. דער אינגערער שלאָפֿט שױן?.. (גײט אין צימער.

פֿ אַ נ י (גײט פֿון מאַשען). װאָס שרײַט דער פּאַפּאַ אַזױ?

מ א י ר. ער איז אין כעס װאָס מען פֿאָהרט אַװעק. ער איז געגאַנגען זעהן אױב נפֿתלי שלאָפֿט שױן. זאָל מען איהם דערצעהלען?

פֿ אַ נ י. איך האָב איהם גאָר נים װאָס צו דערצעהלען.

ע ו ז ר (פֿון צימער שטאַרק אין כעס). ער איז אױך ניטאָ! װאו איז ער?! װאו איז זי — זי אַננאַ?! װאו איז זי!.. װאו איז נפֿתלי?.. װאָס שרעקט דיך דאָס קינד?..!

פֿ אַ נ י. װאָס בײזשט אַזױ אָנגעהױבן, פּאַפּאַ? די יונגער שלאָפֿט נים. ער פֿאָהרט געשױנט אים איצטער איבער די פֿעלדער.

ע ו ז ר. איצטער? איבער די פֿעלדער?! (קוקט אָהן פֿאַני'ן אָהן װערטער).

פֿ אַ נ י. זײ קענסט עס פּאַפּאַ נים פֿערשטעהן װי די יונגע שלאָפֿט נים?.. קום — איך מיט אונז. לאָמיר זאָמלען דעם סװאַק. אין דו װעסט מיט אונז מיטפֿאָהרען. מאַשע איז ההה — װילסט מאַשע, דער פּאַפּאַ זאָל מיט אונז פֿאָהרען?..

ע ו ז ר. עט, ניטאָ װאָס צו מאַכען מיט איך!...

פֿ אַ נ י (נעמט מאיר'ן פֿאַר'ן האַנד). קום, מאיר! דער פּאַפּאַ מעג קען מאָהל בײז נים זײַן, קום! (געהן אַרױס)

ע ו ז ר (קוקט אין פֿענסטער). װי די עדים האָבען זײ זיך אױפֿגעטראָגען! דאָס איז שױן נים אומזיסט. (ער קוקט אין אַלע פֿענסטער אַרױן. גײט אַרױס אױף'ן װעראַנדע און קומט גלײַך צוריק רעדענדיג:) דאָס איז שױן גאָר נים אומזיסט... מיך װעט מען נים נאַרען... (ער פֿערמאַכט אַלע פֿענסטער. עפֿענט שטיל די טיר פֿון מאַשע'ס צימער).

פֿ ײ ג ע ל ע (גײט אַרױס פֿון צימער). די שלאָפֿט.

ע ו ז ר. גוט װאָס די שלאָפֿט. בלײַב דאָ, מײַן קינד, אַביסעל. הערסט אױף איהר אַכטונג געבען. כ'װעל נאָך אַמאָהל אױף דער גאַס אַרױסגעהן... איך קום באַלד צוריק... (גײט אַרױס).

פֿ ײ ג ע ל ע (קוקט לאַנג אין יעדען פֿענסטער באַזונדער אָנגעשטרענגט. מאַכט פּלוצלונג אַ פּאָזע װי די װאָלט װעמען באַמערקט הינטער'ן פֿענסטער. זי שטעלט זיך אָנטקעגען דער גאַס-טיהר אין ערװאַרטונג).

נ פֿ ת ל י (רײַסט זיך אַרײַן אין שטוב פֿערסאָפּעט). דער פּאַפּאַ איז ניטאָ?

פייגעלע (שטיל). דער פאפא האט דיך שוין געזוכט. ער
איז אוועק אויפן ושעושינייץ דיך זוכן.

נפתלי. ביזט שוין לאנג דא?

פייגעלע. רעד אביסעל שטילער, וועסט מאַמען איבער־
שרעקן.

נפתלי. די שלאָפט?

פייגעלע. די איז קראַנק. די רעדט פון היץ.

נפתלי. די שלאָפט?

פייגעלע. די דרעמעלט נאָר.

נפתלי (פירט די האַנט אין אַ זייט). דער פאפא ווייסט שוין?

פייגעלע. ניין. זאָג מיר וואו ביזט געווען?

נפתלי. איך בין אַפשר מילען אויסגעפאָרן. איך בין אין
וואַלד אויך געווען. סאיז דאָרט קיינער ניטאָ. ס'הערט אַ בייזע ווענען
די אַלע אַהיים אַוועק... דער פעלד איז איינגאַנצן באַדעקט מיט
אַ ווייסען שניי. איך וועל אים אַריינפירען אין שטאַל קיינער זאָל
ניט מערקען. (ס'הערט) זאָג מיר, קיינער איז אין שטוב ניט גע־
בליבן?

פייגעלע. האסט דען ניט באַגעגנט מאָדן און פּאַניען?

נפתלי. וואָס וועגען זיי?

פייגעלע. זיי זענען ביידע אַוועקגעפאָרן.

נפתלי. אין וועלכער זייט?

פייגעלע. כ'ווייס ניט. אפשר זענען זיי אין שטעטעל אַריין
געפאָרן? די פלעגט אַמאָל גיין אין שטעטעל אויך.

נפתלי (פלוצלונג). קום, פייגעלע! מיר וועלען נאָך ביידע
פאָרען פון טאַמאַליען אַליין. מיר וועלען נאָך דאָרטן זיין. קום
מיט מיר. מיר וועלען זיך ביידע אויף איין פערד זעצען. ער וועט
אונז נאָך ביידען פאַרטראָגען... דיר וועל איך דאָס מאָל אָפּטרע־
טען און אַליין וועל איך זיך הינטער דיר זעצען...

פייגעלע (לאָזט אים אַרום). אויף איין פערד ווילסטו
וועלען מיר פאָרן?

נפתלי. אָבער די ווילסט, זאָג?

פייגעלע. כ'וועל הערן אויב די שלאָפט (הערט זיך צו צו
מאַמעס צימער). ס'הערט נאָענטער.

נפתלי. די שלאָפט געשמאַק. שטענדיג שלאָפט די שוין אין
דער צייט. (ער פירט די האַנט פון מאַמעס צימער). קום, פייגעלע,
מיר וועלען אַרויספאָרען דורכן פענסטעל נעבען ביימען. מיר וועלען
זיך גלייך מיט דער נעגישער לאָזען. צווישען פּאַניע'ס קאָרנס...

מיר װעלען זיך מיטן פערד צװישען די קארענס בעהאלטען...
מאשע שלאפט שױן. קום! אונזער מעשע איז לאנג... מיר װעלען די הױפּטפאהרען אין דערנאך װעלען מיר זיך לאזען ארום דער אױערע מיט'ן מאסטאװען װעלדעל אין דערנאך צום װינטמיל...

פײגעלע (בעטאפּט). גוט!

נפתלי. דער װינטמיל מוז איצטער שטעהן. די פליגעל מוזען זײן צונעבונדען מיט קײטען דער װינד זאל זײ ניט אברײסען. מיר װעלען אפּבלאזען די קײטען און די פליגעל װעלען אנהײבען טראגען װי א װײכער...

פײגעלע. דאס װיל איך ניט. מאיר האט געזאגט אז דערפון קען זיך נאך אנצינדען דער מיהל.

נפתלקי (ארעמט זי). און די האסט מורא פאר פײער?

פײגעלע. נײן. נאר אז א װינטמיהל ברענט, כאפּט אן א שרעק... ס'האט אמאל ניט װײט פון אונז געברענט א װינט-מיהל האט אנגעכאפּט א פחד צוקוקען. װי פײער פײערדיגע הענט האבען די פליגעל אױסגעװעהען... אין דערנאך זענען זײ אראבגע-פאלען און צושאטען זיך אויף האלאװעשקעס... נאר האלאװעש-קעס איז פון זײ געבליבען...

נפתלקי. קום זשע גיכער! װעסט זעהן װי מיר װעלען זיך טראגען! אז ער לאזט זיך אװעק גאלאפּ צוהט ער זיך בײ דער ערד װי א שלאנג... ער װײסט װעמען ער טראגט אויף זיך. קום גיכער, מיר װעלען נאך אפשר אנטרעפען פאני'ן און מאיר'ן...

פײגעלע. דער פּאפּא קען אונז נאך בעגעגענען.

נפתלי. מיר װעלען דעם װשעװשיניק איבערמײדען. — צװי-שען די קארענס! גוט?..

פײגעלע (בעטאפּט). יא!..

נפתלי (כאפּט איהר פאר'ן האנד). אך װעלען מיר זיך גיך טראגען. (געהן שנעל ארױס. פױזע. פון די בליצען װערט גאנץ אפּט בעלױכטען דער צימער. די דונערן ערנעהענטערען זיך. מיט אמאל גיט עס א שרעקליכען קנאל).

מאשע. (לױפט ארױס פון איהר צימער א צושראקענע. רופט „פײגעלע!“... „פּאפּא!“... „פאני!“... סקנאלט א צװײטען מאל דער דונער גװאלדיג. זי שפּרינגט אב פון ארט פאר שרעק. הױבט אן צו װײנען. קוקט אין יעדען פענסטער בעזונדער צו אײניגע מאהל. בײ יעדען בליץ שפּרינגט זי אב הינטערזיך. רעדט: „װאו האבען זײ מיר אלײן געלאזען?... כװעל בעסער אויף דער גאס ארױס“... זי לױפט ארױס אויף דער װעראנדע. נאר דערשראקען פון א בליץ

לויפט די צוריק אין שטוב אריין. זי בלייבט שטעהן אין מיטען צימער צעשטרייט. קוקט אויף אַלע זייטען... אין די פענסטער פאַנגט אָן צו ווערען ביסלעכווייז ליכטיגער, ליכטיגער... ווי פלוצלונג ערגעץ נאָהענט אַ שרפה אויסגעבראָכען. דער צימער ווערט אינגאַנצען באַלויכטען פון אַ רויטען שיין. מאַשע רייסט אויף מיט שרעק איין פענסטער. ס׳זעהט זיך דער הימעל. רויט. זי רייסט אויף דעם צווייטען פענסטער ס׳בעווייזען זיך די בוימער אָבגעגאָסען מיט פּורפּור־רויטקייט. ס׳הערט זיך אונטער׳ן פענסטער איילענדיגע טריט פון רייטער).

פאַני: (די לויפט אַריין אין שטוב. איין מאָל פאַר אַלע מאָל — מיט אַלץ געענדט!

מאַשע (פאַלט פאַני׳ן אין די אָרעמס אָהן ווערטער).

פאַני: (דריקט מאַשע׳ן צו זיך). אַליין בייזט געבליבען, מיין קינד! קום צום פענסטער, שוועסטער מיינע. זעהסט וואָס אויף דער נאַס טהוט זיך — דער וואַלד ברענט!.. וועה מיין שוועסטער: קום אַהער, מאיר! (ס׳דונערט).

מאיר (אונטערען פענסטער). מיט׳ן וועג טראָגען זיך צוויי רייטער אויף איין פערד... ווי אַ שטיק פייער זעהן זיי אויס...

פאַני: (קוקט נייגעריג אין פענסטער). פון אַלע זייטען האָבען אַרום די פלאַמען אַרומגעכאַפּט! עס ברענען די לעבעדיגע מצבות... די שאָטענס לויפען פון וואַלד אַרויס (עס דונערט). דער הימעל לאַכט פאַר שמחה!.. הערסט מאיר, ווי די ערד זינגט... די ערד זינגט איהר איבעריגען המנון... אַלע איהרע קינדער שטעהן פערגאַפט — מיט איין איינגעהאַלטענעם אָטעם און הערען צו דאָס געזאַנג... דאָס האַרץ זייערס שפּרינגט פאַר שמחה!..

מאַשע (שעפּטשעט). איך ווייס אַלץ... איך ווייס אַלץ...

פאַני. שרעק זיך ניט, מיין שוועסטער!.. דער וואַלד ברענט... מאיר! איינציגווייז פאַלען די בוימער און ווערען צעשאָטען... די ערד אַליין וויל זי פון זיך אַראָבטרייסלען. ביז צו די וואָרצלען וועט יעדער בוים בעזונדער איבערברענען... מאָרגען וועט די זון אויפגעהן און בענטשען יענעם פּלוצטבאַרען ווינקעל... מיר וועלען מיט דער סאַמע יענעם אָרט הורכנעהן און די ערד וועט לאַכען, לאַכען... שפּרינגען פאַר שמחה... (דער ווינד פאַנגט אָן רייסען, אונטער׳ן פענסטער — פּייפט).

מאַשע (שעפּטשעט). צום אַנדערע געדט... צום אַנדערע געדט...

פאַני: (צוטערט אויף). אך! דאָרט איז אננא!.. אננא — אין

אָזיערע!... (זי בלײַבט אַ ווײַלע שטיל). אהין האט זי איך דעם טויט פאַרפירט... (הערט זיך צו) ס'טראָגט דער ווינד דאס גע-רויש פון וואַסער... ס'זויגט דאָרט דער גאַנצער געטקענער אָטעם:.. זי בעט זיך ביים שטורם צו הילף... (ני הערט זיך צו). ס'טראָגט זיך מיט'ן ווינד איהר צאָרען — יאָמער... ס'דאַכט זיך דער שטורם ביז צו איהר אָבגעהינער געריסען מיט ליאַרעם און פּאַליעס שלאָגען פון איהר ברויענדיגען האַרצען... עס שלאָגט אַ ווילדער שורם פון איהר טיפעניש — זי וויל דעם טויט דערטרינקען... ס'דאַכט דער בליץ איהר וואַסער אָנגעצונדען... זי וויל די שאַנד פון איהר פּנים פאַרברענען.... זי וויל דעם טויט אין איהרע אָרעמס דערשטיקען... (שרייט) זי וועט איהם דערשטיקען!.. זי וועט איהם בעזיגען!.. (הערט זיך צו)

עוזר (ווײַן אונטערהענגער קול אונטער'ן פענסטער). אין אָזיע-רע!..אננא ט'זיך אין אָזיערע... דערטרינקען... אויפ'ן ברעג אַ טויטע געפונען...

פאַני (שרייט). אויפ'ן ברעג האט מען זי אַ טויטע גע-פונען!... אויפ'ן ברעג האט מען די אַ טויטע געפינען!... איך האב איהר פון מײַן האַרצען אַרויסגעריסען... איך האב איהר פון מײַן נשמה אַרויסגעריסען... און דאָס קלאָרע וואַסער האט אויך איבער דער טויט פון זיך אַרויסגעשליידערט (אין שטיב קומט אַרײַן עוזר און בלײַבט שטעהן אַ ערשטוינטער) קוקט ווי דער וואַלד ברענט און בעגריסט מיט טויזענדער פײַער פלאַמען! אונזערע פעל-דער לויכטען!.. די וואַסען פון זיך דעם טרויער נעבעל אַראָבגעוואָר-פען... אונזער געגענד זינגט — ער האט פון זיך די קייטען אַראָב-געוואָרפען... עס קלינגט דער גרויסער לעבענס הימנן... עס זינגט די ערד דעם נײַעם ליעד פון לעבען!.. (ווי זי וואַלט וואָס געהערט פון ווײַטען).

מאַשע (הויבט זיך צו פאַניען, שעפּטשענדיג אומפאַרשטענד-ליכע ווערטער). —

(פאָרהאַנג).

פערלאג „מענדעלע"

וואס האט זיך געגרינדעט מיטן צוועק ארויסגעבען אלע ווערק פון דעם זיידען

# מענדעלע מוכר ספרים

צו זיין 75 יאהריגען יובילעאום, האט ארויסגעגעבען פאלגענדע ווערק פער־גרעסערטע און פערמערטע און אויסגעבעסערטע פון דעם אויטאר.

## שוין ערשינען:

1 באנד פאררעדע פון יובילע־אום־קאמיטעט.
פאררעדע פון אויטאר.
ביאגראפיע פון מענדע־לען דורך ד. פרישמאן.
אלטע מעשה.

2 באנד אין יענער צייט.
שלמה ר' חיים'ס.

3 באנד די קליאטשע.

4 באנד דאס יודעל.

5 באנד די טאקסע.
ענטדעקונג פון וואלין.
א שטארט אין מזרח.

6 באנד דאס קליין מענשעלע.

7 באנד ווינשפינגעריל.

8 באנד בעמק הבכא.
(צווייטער טייל פון ווינשפינגעריל).

9 באנד דער פריזיוו.
די גראהע האר.

10 באנד מסעות בנימין השלישי.
(דער יודישער דאן קיכאט).
לופט באלאן.

11 באנד שם ויפת אין וואגען.
ספר הבהמות.
ספר הגלגולים.
א סגולה צו יודישע צרות.
די נשרפים.

12 באנד פישקע דער קרומער.

## עס דרוקען זיך:

13 באנד אין שטורם.
סוכות צייט.
די פיש.
וואס איז חנוכה?
די איבערקערעניש.
פארן שטורם.

14 באנד פרק שירה.
זמירות.

15 באנד טאטעס און קינדער.

16 באנד אין דער מהומה.
אין פמליה של מעלה.

17 באנד פערשידענע אר־טיקלען

18 אלבום מיט די בילדער פון מענדעלע מוכר ספרים פון דער יוגענד ביז היינטיגען טאג, פון פערשידענע מאמענ־טען אין זיין לעבען, אין הויז, פאמיליע, ביי דער ארבייט, צווי־שען זיינע פריינד און בעקאנטע, אויך איז צוגעגעבען א כאראק־טעריסטיק פון זיידען.

פרייז פיר יעדעס בוך אויך פיר'ן אלבאם 80 ק' צוזאמען 14.40 ר.

כדי צו געבען די מעגליכקייט דעם יודישען עולם אויס-צודריקען זייער דאנקבארקייט און פערעהרונג צום יוביליאר מיט דעם איינשאפען זיך די לעצטע אויסגאבע פון אלע זיינע כתבים, גיעבען מיר א ספעציעלע הנחה פאר די אבאנענטען:

די וואס אבאנירען זיך יעצט אויף דער גאנצער אויסגאבע בעקומען

# אלע 36 ביכער אין 17 בענדער

# מיט'ן אלבאם

# בלויז 10 רובל מיט פארטא.

דאס געלד קענען די אבאנענטען אויך אריינשיקען ראטעס-ווייז: ביים אבאנירען 4 רובל, דאן בעקומט דער אבאנענט 5 בענדער מיט'ן אלבאם; אין דריי חדשים ארום, ניט שפעטער ווי ביז 15-טען מארט 3 רובל, און בעקומט נאך 5 בענדער; נאך אין דריי חדשים ארום ניט שפעטער ווי ביז 15-טען יוני 3 רובל פאר די איבעריגע 7 בענדער.

די וואס צאהלען אין איין מאל די 10 רובל בעקומען אומזאנסט אויסער דעם אלבאם, אויך א גרויסארטיגע פאטאגראפיש גרוים בילד פון זיידען.

**פרייז פאר דאס בילד בעזונדער 1 רוב.**

---

אבאנענטען ווערען אנגענומען:

אין ווארשא: בוכהאנדלונג „פראגרעס“, נאלעווקי 36.

Книгоизд. „ПРОГРЕССЪ“ Варшава, Налевки 36.
Verlag „PROGRESS“ Warschau, Nalewki 36.

---

אין ווילנא: ביי ד״ר אבראמאוויץ און אין בוכהאנדלונג ז. ש. סרעבערק, סטעפאן גאס 6.

Книгоиздательство З. Ш. СРЕБЕРКЪ, Вильна.
Verkag Z. S. SREBERK, Wilna.

---

אין אדעס: פערלאג „מוריה“.

Книгоиздательство „МОРІЯ“, Одесса.